גליון
# באור החיים

פרשת ראה - ז"ך אב - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתצ"ב

הגליון המורחב לרגל היומא דהילולא קדישא נתנדב על ידי הרבני הנגיד והמפואר
אב"ד **שר שלום** שליט"א
משמש בקודש פנימה אצל כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע
לעילוי נשמתו הטהורה של אבינו רועינו אור חיינו כ"ק רבינו הקדוש מרן **משולם פייש** בן הרה"ק רבי **מרדכי סג"ל** זיעועכי"א
לכבוד היומא דהילולא קדישא ז"ך לחודש מנחם אב - ב' שופטים הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג ר' **אלכסנדר בלויא** שליט"א (מאנטריאל)
לרגל שמחת הולדת נכדו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### בדרכי המצות צריכין להתנהג תיכף ומיד

**ראה אנכי נותן היום לפניכם ברכה וקללה.**

דקדקו המפרשים על הלשון "ראה" הרי לשון ראיה אינו נופל אלא על דבר הנראה לעין, והברכה והקללה עדיין לא ניתנו להם, והל"ל "שמע", כמו שנאמר לעיל ועתה ישראל "שמע" אל החוקים.

עוד דקדקו המפרשים, על מה שנאמר "היום", הלא לא ניתנו להם היום אלא לאחר זמן כפי אשר יקיימו את המצות, כמו שכתוב אחר כך את הברכה אשר תשמעון.

ויש לרמז בזה על פי הידוע, כי אחד מן התחבולות האיך היצר מרחק את האדם מדרך התשובה הוא, על ידי שמדחהו שאינו צריך לעשות תשובה, ואם מזה לא ישמע אליו, אזי אומר לו, הנני מסכים עמך שבאמת עליך לשוב בתשובה שלימה אל ה', אך לא עתה כי בטרם תחזור בתשובה, עליך להתבונן היאך לעשות תשובה, ומתי לעשות תשובה, ולא תעשה בחפזון, ובזה מדחהו לשוב אל ה' למחר, ולמחר מדחהו אל אחר מחר, וכן מדחהו מיום אל יום, עד שמתקררת אצלו התעוררות שבלבו, ואינו זוכה לשוב אל ה'.

וזה שאמר הכתוב, ראה אנכי נותן לפניכם "היום" ברכה וקללה, שכדי שהאדם ישיג את הברכה או חלילה את הקללה, תלוי אם בוחר לילך בדרך "היום" דייקא, כי אם מתקן את מעשה תיכף ומיד כשתתעורר לזה, יזכה אל הברכה, אבל אם מדחה את הדבר אל מחר, ודחהו היצר מיום אל יום, לא יגיע לזה לעולם, ולזה אמר "ראה" לשון ראיה ולא "שמע" כי בשמועה יש גם שמועה רחוקה, שהיא לאחר זמן, וכדי לקבל הברכה, צריך להתנהג בבחינת ראיה, שיתחיל לילך בדרך ה' תיכף ומיד, כאדם הרואה הדבר לעיניו ובאופן זה יזכה לקבל הברכה ממנו יתברך.

(עבודת עבודה פתג"ק ראה)

### הקב"ה מוסר את עצמו בתוך התורה

**ראה אנכי נותן לפניכם היום.**

כתב בעל הטורים, ראה אנכי, ראה עשרת הדברות דפתח באנכי, כי תיבת "אנכי"

המשך בע' ו

ידידינו החשוב העומד לימינינו לאחד אנשי שלומינו תלמידי וחסידי רביה"ק זי"ע ויבלחט"א מרן רבינו שליט"א
אב"ד **תפילה לדוד פודהייץ** שליט"א
לעילוי נשמתו הטהורה של
רבינו הקדוש מרן **משולם פייש** בן הרה"ק רבי **מרדכי סג"ל** זיעועכי"א
לכבוד היומדהל"ק ז"ך מנחם אב הבעל"ט

פרנס פעולות האיחוד
לחודש אב

אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

ניתי ספר, דורכדעם וואס מען קוקט אריין אין מען לערנט די תורה, ונחזי, קען מען זעהן וואס מען דארף מתקן זיין די מעשים.

(שיח"ק ח"ג ת"א)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דברי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י מהו"ר יצחק שמואל פויגעל הי"ו
משמש נאמן דבית מדרשינו ק"י
לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## מען דארף איסארבעטען דעם כח הגוף און מגביר זיין דעם כח הנשמה

ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה. דארף מען פארשטיין וואס איז די לשון ראה, ראה זאגט מען נאר ביי א זאך וואס מען וויזט יעצט דערויף, אבער די ברכה און די קללה איז דאך נאכנישט געקומען, נאר עס וועט קומען לויט ווי אזוי מען וועט זיך פירן.

די זעלבע איז שווער פארוואס שטייט "היום", מ'האט עס דאך נאכנישט געגעבן, מ'האט קודם געדארפט זען וויאזוי מען וועט זיך פירן.

ווייטער זאגט דער פסוק את הברכה אשר תשמעו, זאגט רש"י הק' על מנת אשר תשמעו, לכאורה וואס לייגט רש"י צו מער ווי עס שטייט אין פסוק.

נאר דער פשט איז אזוי, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן דער מענטש, האט אים דער אייבערשטער צוזאמגעשטעלט פון א חומר און א צורה, א גוף און א נשמה, דער גוף איז יסודו מעפר וסופו לעפר, ער ציעט נאר צו תאות ומדות רעות, און די נשמה איז א חלק אלוקי ממעל, ז' ציעט נאר צום אייבערשטן, די נשמה ציעט אלץ ארויף לשורשה, נר ה' נשמת אדם, אזוי ווי פייער ציעט אלץ אויף ארויף, אזוי ציעט די נשמה אלץ צום אייבערשטן, און די עבודה פון א איד איז צו פירן שטענדיג א מלחמה, ער זאל מגביר זיין די כח הנשמה אויפ'ן גוף, די כח הנשמה זאל זיך קעגן שטעלן קעגן דעם גוף און מכניע זיין אלע תאות.

קוקסט אריין אינעם הייליגן תיקוני זוהר און אין זוה"ק וועט עטץ זעהן, ווי ווייט דאס איז ביז מ'ארבעט נישט אויס דעם גוף, ס'שטייט דארט קלאר ארויס, דער זוה"ק פרעגט, ווען ס'וועט קומען די זמן פון תחית המתים, וועלכער גוף וועט אויפשטיין, יעדע נשמה איז דאך מגולגל געווארן עטליכע מאל, זאגט דער זוה"ק, אז דער גוף וואס האט זיך מזכך געווען אויף דער וועלט, דער גוף וועט אויפשטיין תחית המתים, אבער דער גוף וואס האט זיך נישט מזכך געווען, ער איז געווען אויף דער וועלט ווי אן עץ יבש, אן קיין חיות דקדושה, דער וועט ווייטער בלייבן אן עץ יבש, און ער וועט נישט אויפשטיין בי' תחית המתים, ס'וועט זיין כאילו ער איז קיינמאל נישט באשאפן געווארן.

דאס זאגט דער פסוק, ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה, ברכה איז מרמז אויפ'ן נשמה, און קללה איז מרמז אויפ'ן גוף, ווי דער זוה"ק זאגט אז די קדושה ווערט אנגערופן ברוך, און די זוהמא וואס דאס איז דער גוף ווערט אנגערופן ארור, זאגט דער פסוק "ראה" זעה, דאס מיינט קוק מיט די עיני השכל, זיי דיר מתבונן, אז אנכי נותן לפניכם "היום", ברכה וקללה, דא אויף דער וועלט גיב איך ענק, ברכה די נשמה, און קללה דעם גוף, "היום" לעשותם, דא אויף דער וועלט קענט עטץ פירן די מלחמה, מגביר צו זיין דעם כח הנשמה אויפ'ן גוף, דא האט עטץ נאך די בחירה, אבער אויף יענער וועלט וועט מען שוין גארנישט קענען טון, דארט וועט שוין גארנישט העלפן.

דאס איז רש"י הק' מוסיף אויף דעם את הברכה אשר תשמעו, על מנת אשר תשמעו, ווייל די גמרא זאגט (קידושין ס' ע"ב) כל האומר על מנת כאומר מעכשיו דמי, דאס איז רש"י הק' מרמז "על מנת" אשר תשמעו, שוין מעכשיו, יעצט דא אויף דער וועלט זאלט עטץ היטן די תורה ומצות, דא זאלט עטץ מגביר זיין דעם כח הנשמה אויפ'ן גוף, דארט וועט שוין גארנישט העלפן.

דאס איז אויך פשט אין די פסוקים וואס שטייט אין פרשת נצבים, "ראה", זיי דיר מתבונן, נתתי לפניך "היום" דא אויף דער וועלט האב איך דיר געגעבן, את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע, דא האסטו די בחירה, און די תורה זאגט ווייטער "ובחרת בחיים", דער אייבערשטער גיבט אן עצה פאר'ן מענטש ער זאל אויסוועלן דעם חלק הטוב, ווי רש"י הק' ברענגט דארט כאדם האומר לבנו בחר לך חלק יפה בנחלתי ומעמידו על חלק היפה ואומר לו את זה ברור לך, זיי בוחר אין דעם ווייל דאס איז גוט פאר דיר, למען תחיה אתה וזרעך.

(עבו"ע אמ"ק)



בעזהשי"ת
כִּי אַתָּה תָּאִיר נֵרִי אֱלֹקַי יַגִּיהַּ חָשְׁכִּי
אלע פראבלעמען ווערן פארשוואונדן מיט דעם
ווונדערליכן נר הישועות
דער הייליגער 'נר תמיד' וואס ברענגט רונדע דעם יאר ביים
ציון פון רבינו הקדוש זי"ע
לזכות פון אלע חשוב'ע נדיבים פאר די הייליגע תלמוד תורה
לייגט ארויף אייער נאמען אויף דעם נר הישועות
בלויז
$100
א חודש
נר תמיד
יהא דלוק במקומו
פועל ישועות
פרובירט עס אויס און איר זענט א געהאלפענער!

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג ר' יעקב לייטנער שליט"א (בארא פארק)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' יהודה נ"י לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

# א תורה אויף די פרשה

### ראה אנכי נותן לפניכם היום.

עס איז באקאנט אז ווען דער אייבערשטער אליין וואלט געגעבן די גאנצע תורה, וואלט מען קיינמאל נישט פארגעסן דאס לערנען.

דאס זאגט משה רבינו, ראה 'אנכי' נותן לפניכם, ווייל איך האב געגעבן די תורה, וועגן דעם איז דא דערביי א ברכה וקללה, ס'איז דא ווער עס געדענקט יא דאס לערנען, און עס איז דא ווער נישט, 'את הברכה', די עצה צו געדענקן לערנען, 'אשר תשמעו', מ'זאל כסדר איבערלערנען די אלטע.

(תולדות יעקב יוסף)

### ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה.

דאס ווארט 'היום' קען געניצט ווערן אויף צוויי וועגן. די צדיקים זאגן, אם לא עכשיו אימתי, אויב נישט יעצט, ווען דען, ווייל 'היום' אתה כאן, היינט ביזטו נאך אויף די וועלט, ולמחר בקבר.

אבער די רשעים נוצן דעם היום אויף זייערע צוועקן, און זיי זאגן, לאמיר היינט עסן, און אריינכאפן ווי מער גשמיות אויף דער וועלט, ווייל מארגן קען מען שוין שטארבן.

דאס מיינט דער פסוק, אז אינעם ווארט 'היום' קען זיין א ברכה און ס'קען זיין א קללה. פירט דער פסוק אויס, ובחרת בחיים, אז מ'זאל נוצן דעם היום אויף דעם ריכטיגן וועג.

(הרה"ק מאלכסנדר זצ"ל)

### ואכלתם שם לפני ה' אלוקיכם ושמחתם בכל משלח ידכם.

דער חילוק צווישן א צדיק און א רשע איז, אז ביי א צדיק, אפילו נאך די מצוה, פארבלייבט נאך די שמחה און געשמאק. משא"כ א רשע וואס פריידט זיך מיט די עבירה, גייט אוועק די שמחה.

דאס איז מרומז אין פסוק 'ואכלתם שם לפני ה' אלוקיכם', און אפילו נאכדעם וואס מ'עסט דאס אויף, 'ושמחתם בכל משלח ידכם', צו פרייען, אפילו נאכדעם וואס מ'עסט אויף דעם מעשר פארבלייבט די שמחה.

(אמרי שפר)

### רק קדשיך אשר יהיו לך ונדריך תשא ובאת.

מ'קען מסביר זיין פארוואס דער פסוק האט נישט געשריבן צוזאמען 'קדשיך ונדריך', נאר מפסיק געווען אינמיטן מיט די ווערטער 'אשר יהיו לך'. ווייל די גמרא זאגט אין מסכת חולין, אז דאס בעסטע איז אויב מ'מאכט נישט קיין נדר, ווייל נאכדעם קען מען ח"ו דורכפאלן און נישט מקיים זיין דעם נדר. פרעגט די גמרא, מ'זעהט דאך אז יעקב אבינו האט יא געמאכט א נדר, ווי ס'שטייט אין פסוק וידר יעקב נדר, ענטפערט די גמרא, אז בשעת מ'געפינט זיך אין אן עת צרה מעג מען יא מאכן א נדר.

מיט דעם קען מען פארענטפערן, אז וועגן דעם שטייט נישט 'ונדריך אשר יהיו לך', ווייל אז מ'מאכט נדרים איז דאך א סימן אז מ'איז אין אן עת צרה ר"ל, דעריבער צוטיילט עס די פסוק אין צוויי, 'קדשיך אשר יהיו לך', דו וועסט ברענגען קדשים, 'ונדריך', אויב ס'מאכט זיך אז מ'איז אין אן עת צרה און מ'האט צוגעזאגט א נדר, דארף מען דאס ברענגן צום בית המקדש.

(הרה"ק מבעלזא זצ"ל)

# א מעשה אויף די פרשה

### לא תעשון כן לה' אלוקיכם.

הרה"ק מראפשיץ זי"ע איז אמאל געזעסן ביים טיש צוזאמען מיט זיינע תלמידים, און איז געווען אביסל אויפגעלייגט. נאך די סעודה איז אריין דער תלמיד הרה"ק ר"ר יששכר בער מראדאשיץ זצ"ל פרעגן דעם ראפשיצער פארוואס די רבי איז אזוי פריילך, האט דער רבי דערציילט, אז יעצט איז נפטר געווארן א גרויסער צדיק, און ארויפקומענדיג אין הימל האט מען אים אויסגעפרעגט איבער זיינע מעשים, אויף וועלכן ער האט אויף אלעם געענטפערט, 'יא', אבער היות עס שטייט אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא, האט מען געכאפט א קליינעם פגם צוליב וועלכן מ'האט אים פאר'משפט צו א שעה און א האלב גיהנם.

זענען געקומען די מלאכי רחמים און גע'טענה'ט, עניות ראטעוועט דאך פון גיהנם. די גרעסטע עניות איז, אז מ'פארמאגט נישט קיין שיך, ווי חז"ל זאגן (שבת קכ"ט), לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו ויקנה מנעלים לרגליו. דער צדיק איז געווען אזוי ארעם, אז זיין משפחה האט פארמאגט נאר איין פאר שיך, אז מ'האט זיך געדארפט איינטיילן ווער עס זאל ארויסגיין אין גאס, ממילא דארף ער נישט גיין אין גיהנם. האבן די מלאכי חובה געענטפערט, אז דער צדיק האט נישט געשפירט זיין ארימקייט, ער האט זיך קיינמאל נישט אפגערעדט, ממילא קומט נישט אז ער זאל אפקומען זיין גיהנם.

אבער עס איז געשטאנען איין מלאך וואס האט דערמאנט, אז איינמאל האט זיך די שיך פארפלאנטערט אין א שטיקל בלאטע, וואס דער צדיק האט דאן ארויסגעלאזט פון זיך א קרעכץ, וואס דאס ווייזט אז ער האט יא געשפירט די אלע צרות און פיין, און דאס האט אים געראטעוועט פון גיהנם.

האט דער צדיק דערמיט געטייטשט, לא תעשון כן לה' אלוקיכם, 'כן' איז א לשון פון גערעכט געבן און זאגן יא. מ'דארף נישט אויף אלעם זאגן יא, מ'מעג אמאל ארויסלאזן א קרעכץ, דערמיט מודיע צו זיין אז מ'ווייסט אז דאס זענען יסורים ר"ל.

*

### כי תאוה נפשך לאכול.

הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע האט איינמאל שפאצירט אין וואלד, ווען ער האט געהאלטן אינמיטן אפרעכטן א תענית משבת לשבת. אזוי גייענדיג מיט די אפגעשוואכטע כוחות, האט ער באגעגנט א ברינעם וועלכע עס האט דערפון ארויסגעקוועלט פיינע פרישע קאלטע וואסער.

האט ער געוואלט טרונקן דערפון, אבער דערנאך האט ער געטראכט אז דאס קומט זיכער פונעם יצר הרע, און איז ווייטער געגאנגען אין וועג, און נישט געטרונקן פונעם וואסער.

אזוי גייענדיג האט ער זיך זייער געפריידט, אז ס'איז אים געלונגען צו באזיגן דעם יצה"ר. באלד האט ער געטראכט אז זיכער קומט דאס אויך פונעם יצה"ר, וועלכער וויל אריינברענגען א רוח פון גיאות, איז ער צוריקגעגאנגען צום ברינעם, און איבערגעהאקט זיין תענית, אלעס נאר נישט צוצוקומען צו גאוה...

*

### ונתן לך רחמים ורחמך.

אין ספר גן יוסף ווערט געברענגט אז דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט דערציילט אז איידער ער איז אראפ געקומען אויף דער וועלט האט מען אים אריינגעפירט אין א היכל אויף יענער וועלט, האט ער געזען שטיין אויף איין זייט די מימרא 'כל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים', אויף די אנדערע זייט האט ער געזען שטיין געשריבן 'במי אתה מוצא דברי תורה במי שמשים עצמו אכזרי על בניו ועל בני ביתו כעורב'. אויף די אנדערע וואנט איז געשטאנען, 'תמים תהיה עם ה' אלוקיך', נעבן דעם איז געשטאנען 'לעולם יהי' אדם ערום ביראה', אזוי האט ער געזען פארשידענע סתירות אויפגעשריבן.

אזוי ווי ער האט געוואלט פרעגן וואס דא גייט פאר און וויאזוי מ'פארענטפערט דאס, האט ער געהערט אויסשרייען 'מזל טוב מזל טוב א בן זכר איז געבוירן' און ער האט זיך דערזען אויף די וועלט, און אזוי ארבעט ער שוין א גאנץ לעבן און ער פרובירט צו פארענטפערן די סתירות, און טרעפן א מיטל וועג צווישן די צוויי מהלכים.

# יומא דהילולא רבה

## הלכות ומנהגים בבית החיים

לרגל די יומא דהילולא רבה קדישא פון אבינו רוענו, רוח אפינו, מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע, וואס פולע טויזנטער אידן קומען זיך משתטח זיין ביים ציון הקדוש אויסצופויעלן א ישועה ורחמים, א ישועה ברוחניות ובגשמיות, איז א פאסיגע צייט זיך באקאנט צו מאכן מיט די פארשידענע הלכות ומנהגים וואס זענען שייך ביים מתפלל זיין ביי די קברים אין בית החיים בכלל, ובפרט וואס זענען נוגע צו די השתטחות ביי קברי צדיקים.

מיר האבן מסדר געווען די הלכות און מנהגים, לויטן סדר פון גיין צום בית החיים, אנגעהויבן פון די הכנה צום גיין, ביזן נאכן ארויס קומען פון אוהל מיט א אויסגעפוילעטע ישועה.

## פאר מען גייט צו א בית החיים

### עסן א סעודה

עס זענען דא וואס זענען מקפיד אז מען עסט נישט פאר מען גייט צו א בית החיים, און לעומת זאת זענען דא וואס האלטן אז מען זאל יא עסן, איבער דעם איז אנגענומען אז פאר מען גייט צו א בית החיים איז מען עפעס טועם, אדער טרינקט מען סיי וואס, און מען מאכט נישט א גאנצע סעודה (ספר אלף המגן על מטה אפרים סימן תקפ"א ס"ק ק"ט).

### גיין אין מקוה

איינער וואס איז מחויב בטבילה, זאל נישט גיין אין א בית החיים פאר ער טובל'ט זיך, ווייל די חיצונים קענען זיך אנכאפן אין אים, איבער דעם איינער וואס איז מחויב טבילה און ער האט נישט די מעגליכקייט זיך צו טובלען, זאל ענדערש נישט גיין צו א בית החיים (חיי אדם, כלל קל"ח ס"ה, מועד לכל חי סימן י"ב אות ד').

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

עס זענען געווען צדיקים וואס האבן זיך געפירט צו גיין אין מקוה, יעדעס מאל פאר זיי זענען געגאנגען צו א בית החיים.

### טובל'ען לעילוי נשמת דעם צדיק

עס זענען דא וואס פירן זיך, אז אינעם טאג פון א יארצייט פון א צדיק, אדער פון די עלטערן א.ד.ג., טובל'ט מען זיך צופרי פארן דאווענען, א עקסטערע טבילה לעילוי נשמת דעם בעל הילולא (צוואת הרה"ק ממונקאטש אות י"ט).

אין אזוי האט זיך געפירט הרה"ק דער בעל דברי יואל זי"ע און פלעגט זאגן "נאך היינט טובל איך מיך ספעציעל איין טבילה לעילוי נשמת דעם טאטן [מרן הקדושת יום טוב] זצ"ל.

* הגה"צ פאיע רב זצ"ל שרייבט אין זיינע רשימות, אז אין די בראשית יארן גלייך נאך די קריג ווען עס איז געקומען די חדשים פון אייר און סיון, וואס דעמאלטס זענען אויסגעקומען זייער אסאך יארצייטן פון אונזערע עלטערן הי"ד, און נישט יעדער האט געקענט דאווענען פארן עמוד אין טאג פון יארצייט, האבן מיר טעליכע בחורים געפרעגט דעם רבי'ן זי"ע וואס זאלן מיר טוהן, האט ער געענטפערט מיט דעם לשון: "עס איז דא נאך זאכן וואס מען קען א טובה טוהן פאר א נשמה, זאגן קדיש, זיך טובל'ן לעילוי נשמתו, צינדן א ליכט, לערנען משניות".

**באמערקונג**

עס איז כדי צו צולייגן אז מו"ז הגה"ק בעל שו"ת בית היוצר זצ"ל אב"ד חוסט, איז אמאל נישט געווען געזונט און ער האט נישט געקענט גיין אין מקוה, האט ער געבעטן פון איינע פון זיינע נאנטע אז ווען ער גייט זיך טובלען אין מקוה, זאל ער זיך טובלען נאך א טבילה און אינזין האבן אז דאס איז פאר זיין זכות (ספר מחשבי מחשבות, עמוד צ"ה).

זעהט מען פון דעם אז מען קען זיך טובלען אויך פאר א זכות פון א מענטש וואס לעבט נאך.

## פאר מען גייט אריין אין בית החיים

### וואשן די הענט

עס זענען דא וואס פירן זיך צו וואשן די הענט, פאר מען גייט אריין אין בית החיים (מג"א או"ח סימן ד' ס"ק כ').

### שיקן א שליח

עס ווערט געברענגט פונעם הייליגן ישמח משה זי"ע, אז ווען מען גייט מתפלל זיין ביי א ציון פון א צדיק, אדער צו קברי אבות, זאל מען פארן אריין גיין צום בית החיים, מפריש זיין א פרוטה פאר צדקה, און זאגן: איך בין מנדב די פרוטה לעילוי נשמת די נשמה וואס וועט מודיע זיין פארן צדיק, אדער פאר מיינע עלטערן, אז מען איז געקומען מתפלל זיין, און גלייך נאכדעם זאל מען גיין צום ציון מתפלל זיין.

עס ווערט דערציילט אז ווען הגה"ק ר' אלעזר ניסן זצ"ל, אב"ד סיגוט, איז אלט געווען 9 יאר, איז ער געווען א חולה מסוכן, און ווען זיין טאטע דער הייליגער ישמח משה האט געזען אז ער איז אין סכנת מות ח"ו, האט ער געשיקט צוויי ערליכע מענטשן צום ציון פונעם הייליגן רבי אלימלך פון ליזענסק, און ער האט זיי אנגעזאגט ווען איר וועט אנקומען צום חצר פון בית החיים, זאלט איר זאגן: אז מיר זענען מנדר א פרוטה פאר צדקה, פאר די נשמה וואס וועט גיין מודיע זיין פארן הייליגן רבי ר' אלימלך אז מיר זענען געקומען מתפלל זיין ביי זיין ציון, וואס דעמאלטס ווילן לויפן אלע נשמות וואס געפונען זיך דארט מודיע זיין פאר הייליגער רבי אלימלך, ווייל דארט אויף יענע וועלט איז זייער א טייערע זאך פאר די נשמות אז זיי זאלן קענען זוכה זיין אז מען זאל געבן א פרוטה לעילוי נשמתם,

דריבער ווילן אלע נשמות זוכה זיין אין דעם, די צוויי שליחים האבן טאקע אזוי געטוהן און זיי האבן געקוקט אויפן זייגער און זיי זענען גלייך צו געגאנגען צום הייליגן ציון און איינגעריסן לרפואתו השלימה.

דער ישמח משה איז געזעסן אין זיין זייטיגן שטיבל וואס איז געווען נאנט צו זיין זונ'ס בעט, און פלוצלינג האט ער געהערט ווי דאס קינד שרייט טאטע! טאטע!, פון יעצט און ווייטער וועל איך שוין זיין אינגאנצן געזונט, האט אים דער ישמח משה געפרעגט פון ווי ווייסטו, האט ער געזאגט ממש די רגע איז צו געקומען צו מיר א איד מיט די און די געשטאלט, [וואס איז געווען די הייליגע צורה פון רבי אלימלך זי"ע], און ער האט מיך געבענטשט און צוגעזאגט אז איך וועל זיין געזונט און שטארק, דער ישמח משה האט תיכף געקוקט אויפן זייגער, און עס איז אויסגעקומען אז פונקט אין יענע צייט זענען די צוויי שליחים געווען ביים ציון (ספר ישמח משה על תנ"ך בהקדמה).

עס איז דא א קבלה פון הרה"ק ר' שלמה מקארלין זצ"ל, אז ווען מען קומט צו קברי אבות, אדער צו א קבר פון א צדיק, זאל מען זאגן ביים טויער פון בית החיים, איך גיי צינדן א ליכט ביים ציון לעילוי נשמת די ערשטע נשמה וואס וועט מודיע זיין פאר זיינע עלטערן, אדער פארן צדיק וואס איך פלוני בן פלוני איז געקומען מתפלל זיין ביי זייער קבר, און דעמאלטס וועלן זיך צו איילן די נשמות מודיע זיין, ווייל יעדע נשמה וועט וועלן זוכה זיין אין דעם זכות (שמע שלמה, קארלין, פרשת שלח בהערות ישרש יעקב).

עס ווערט דערציילט אז ווען רבינו הקדוש זי"ע איז געפארן שנת תשל"א צו קברי אבותיו הקדושים אין שטאט טאהש, האט ער געקלאפט אויפן טיר פונעם אוהל און ער האט געזאגט מיט א קול "זיידע דיין אייניקל איז דא".

**באמערקונג**

ווען מען גייט צו א ציון פון א צדיק אין טאג פון זיין יארצייט, דארף מען נישט שיקן קיין שליח, אזוי ווי רבינו הקדוש זי"ע שרייבט אין עבודת עבודה (שיחות קודש ח"ב עמור ר"ל) אז אין טאג פון יארצייט פון א צדיק, שטייט דער צדיק אין הימל, און וואונטשט אן פאר אלע אידן, אזוי ווי דער שר שלום פון בעלזא זי"ע האט געזאגט נאכדעם וואס ער איז ארויסגעקומען פונעם אוהל פון רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע אין טאג פון זיין יארצייט, אז ער זעהט ווי רבי ר' אלימלך שטייט און בענטשט יעדן וואס געפונט זיך דארט, און אזוי האבן געזאגט נאך צדיקים, ווי פאלגענד.

דער הייליגער ליסקא רב זי"ע, פלעגט פארן יעדעס יאר צום ציון פון זיין הייליגן רבי דער ישמח משה זי"ע, אין טאג פון זיין יארצייט "כ"ח תמוז", און נאכדעם איז ער אריין אין שטאט אוהעל, און ער האט געזעגנט דעם עולם, איין יאר גלייך נאכן מתפלל זיין ביים ציון, איז ער אהיים געפארן קיין ליסקא, און אויף די שאלה פארוואס איז ער נישט אריינגעקומען אין שטאט געזעגענען דעם עולם, האט ער געענטפערט "ביים ארויס גיין פון ציון האב איך געזען ווי דער הייליגער רבי דער ישמח משה שטייט און זיינע צוויי הענט זענען אויפגעהויבן אויף דער הויער, און ער בענטשט יעדן וואס קומט מתפלל זיין מיט אלע ישועות", נו !, אויב אזוי וואס פעלט אויס מיינע ברכות".

הרה"ק רבי ישׂשכר דוב מבעלזא זצ"ל איז אמאל געווען ביים יארצייט פונעם הייליגן קאלובער זי"ע ז' אדר, און דער עולם האט זיך שטארק געשטופט אריין צו גיין צום ציון, האט ער געזאגט "פארוואס שטופט מען זיך, זעהט איר דען נישט ווי דער הייליגער קאלובער, שטייט און בענטשט יעדן וואס קומט צו זיין ציון".

## מהרהר זיין בתשובה

עס ווערט געברענגט פונעם הייליגן אר"י ז"ל, אז ווער עס האט נישט מתקן געווען זיינע פגמים, זאל נישט גיין צו א בית החיים, איבער דעם זאל מען מהרהר זיין בתשובה פאר מען גייט אריין אין בית החיים (מג"א סו"ס תקנ"ט).

## צדקה

עס ווערט געברענגט, אז מען זאל געבן צדקה, גלייך ווען מען קומט אן צום בית

המשך מע' א

רומזת על תיבת "אנכי" שבעשרת הדברות.

וידוע מה שדרשו חז"ל (שבת קה.) על זה, "אנכי" נוטריקון א'נא נ'פשי כ'תובת י'הבית, ופירושו כי בזה שהקב"ה נתן את התורה לעמו ישראל, מסר כביכול את עצמו ביד בני ישראל, כי בשעה שבר ישראל עוסק בתורה, הוא מתדבק אליו יתברך ביחוד עצום, והקב"ה כביכול שורה בתוכו ממש, וכמו שפירש הרה"ק בעל התניא זי"ע בנוסח הברכה ברוך אתה ה' "אלוקינו", פירוש שהקב"ה כביכול הוא אלוקי שלנו, שמסר את עצמו בידינו כביכול, וזהו גם הכוונה במה שנאמר כמה פעמים בפסוקי התורה, אני ה' "אלוקיכם" פירוש הריני אלוקי שלכם.

ולפי זה יש לרמז ראה "אנכי נותן לפניכם היום", פירוש, הריני נותן את עצמי לפניכם, כי על ידי התורה המרומזת בתיבת "אנכי" מסרתי את עצמי ביד בני ישראל, ואנא נפשי כתבית יהבית.

(עבודת עבודה פתג"ק ראה)

ובמקהלות רבבות, יחד כולם הודו בשירי ידידות, בקול נעים ארנן בזמירות, אמע"כ חברינו, מזמור שיר למנצח בנגינות, שמך אכבד בשירי ידידות, מלא מדע וחכמה בתורה ובעבודה ובחסידות, מכבד את ה' מגרונו בתמידות, בקול רם ובתוף וכנור יזמרו זמירות הלא הוא

החתן רפאל פריעד הי"ו
בן הרה"ג ר' אהרן שליט"א
לרגל שמחת אירוסיו למז"ט

יקום פרקן מן שמיא, שתזכה לבנות בית נאמן בישראל, ויהא קשר של קיימא ובנין עדי עד, ותראה בנים ובני בנים עוסקין בתורה ובמצות לשמה, ואך טוב וחסד ירדפוך כל ימי חייך עדי נזכה בקרוב שיולכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

**המברכים: חברי מקהלת המנגנים**

החיים איידער מען איז מתפלל, כדי אז אין די זכות פון צדקה זאלן די תפלות נתקבל ווערן, (רמ"א סימן תקפ"א ס"ד מג"א ס"ק י"ז, של"ה מסכת ראש השנה אות י').

טייל פירן זיך צו געבן צדקה ביים ארויס גיין, און טייל געבן סיי ביים אריין גיין און סיי ביים ארויס גיין (ספר צדקה לחיים, פאלאגי, מערכת מ' אות תמ"ט סקכ"ט).

אין ספר יוסף אומץ שטייט אז כדי יוצא זיין אלע דיעות זאל מען מקיים זייןביידע דיעות, מען זאל געבן צדקה סיי פארן אריין גיין, כדי זיינע תפלות זאלן נתקבל ווערן אין הימל, און סיי ביים ארויס גיין, אז מען האבן געפויעלט אלעס גוטס (ספר יוסף אומץ, סימן תתקנ"ו).

פאר מען גיט צדקה, זאל מען זאגן **"הריני נותן צדקה לעילוי נשמת פלוני בן פלוני שקבור כאן"**.

אויך קען מען צוזאגן, אז מען וועט געבן צדקה לעילוי נשמת פונעם צדיק אדער פון די און די נשמה, אבער דעמאלטס איז וויכטיג צו זאגן **"בלי נדר"**, כדי מען זאל ח"ו נישט ארייננפאלן אין א איסור פון נישט מקיים זיין א נדר, און מען זאל זעהן צו געבן דאס געלט ווי פריער (שו"ת מהר"ם בריסק, ח"ב סוף סימן נ"ב).

**באמערקונג**

**פארשטייט זיך אז אינעם טאג פון א יארצייט פון א צדיק, איז די פאסיגסטע צייט צו שטיצן זיינע מוסדות, וואס דורכדעם באקומט מען א דירעקטע קשר מיטן צדיק, און ער וועט זיכער ארויף טראגן אלע תפלות צום כסא הכבוד.**

**געדענקט ! איידער איר גייט אריין צום הייליגן ציון פון רבינו הקדוש זי"ע, מתפלל זיין בעדכם ובעד בני ביתכם, גיט א שיינע נתינה פאר די הייליגע מוסדות וואס רבינו הקדוש האט מייסד געווען בדם לבבו מיט מסירות נפש, און דאן גייטס אריין צום ציון הקדוש, און בעט אייך אויס אלעס גוט.**

**זכותו יגן עלינו, ימליץ טוב בעדינו**



# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' נתן ירמי' גאלדשטיין שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

## סעיף טו

### עפענען אן ענוועלאפ אין שבת.

מען טאר נישט עפענען אן ענוועלאפ אין שבת. נישט אויף דעם פלאץ וואו עס איז פארקלעבט, און נישט אויף סיי וועלכע אנדערע פלאץ.


[בילד 1]

אויסער אויב עס איז דא דארט א בריוו וואס איז א צורך שבת (למשל עס איז דא דארט געשריבן דברי תורה וואס ער וויל אריינקוקן דערין אום שבת, אדער עס שטייט דארט אנדערע זאכן וואס זענען וויכטיג פאר שבת), דעמאלטס מעג מען עס אויפרייסן נישט אויף די פלאץ וואו עס איז פארקלעבט, און ארויסנעמען די בריוו, און אוועקווארפן די ענוועלאפ.

## סעיף טז

### אויפרייסן א קליינע זעקל פון צוקער, קאווע, ספלענדא, קעטשאפ, א.ד.ג.



[בילד 2]

קליינע בעגס פון צוקער, ספלענדא, קאווע, אדער קעטשאפ א.ד.ג. וואס עס איז געמאכט ארויסצוגיסן די גאנצע זאך אויפאיינמאל, מעג מען עס אויפרייסן ביי די עק, אפילו ווי עס איז אנגעצייכנט צו עפענען, פונקט אזוי ווי מען עפענט עס אינדערוואכן (נאר מען זאל טאקע ארויסגיסן די גאנצע זאך אויפאיינמאל, און אוועקווארפן די זעקל). אויך דארף מען אכטונג געבן נישט אריינצורייסן אין אותיות.

## סעיף יז

### "פאפסטיקעל אייסעס", דאס הייסט אייסעס אדער אייזקרים וואס ליגט אויף א קליין שטעקן און עס איז ארומגענומען מיט א פלעסטיק אדער פאפיר.

מען מעג אין שבת אראפרייסן די פלעסטיק אדער פאפיר פון אן אייסעס אדער אייזקרים (און עס איז נישט דא קיין איסור פון קורע אדער סתירת כלי), נאר מען זאל אכטונג געבן נישט צו אויפרייסן דארט וואו עס זענען פארקלעבט די צוויי עקן פונעם פלעסטיק אדער פאפיר[1], אזוי אויך זאל מען אכטונג געבן נישט אריינצורייסן אין אותיות.


[בילד 3]

אויך טאר מען נישט ארויפשטופן די אייסעס אז די פלעסטיק אדער פאפיר זאל זיך עפענען פון אויבן (וואו עס איז פארקלעבט), און אזוי עסן צוביסלעך די אייסעס.

## סעיף יח

### לעכערן קליינע דרינק שאכטל מיט א שטרוי, און אראפנעמען די שטרוי פון די שאכטל.


[בילד 4]

שאכטלען פון דרינקס וואס האט פון אויבן א לאך וואס איז פארמאכט מיט א שטיקל זילבער פאפיר, און ווען מען וויל עס עפענען שטעקט מען אריין א שטרוי אין די לאך און אזוי עפענט זיך די זילבער פאפיר.

**איז די הלכה:** אז מען מעג אריינשטעקן די שטרוי און מאכן דארט א לאך אין שבת[2].

אראפרייסן די פלעסטיק מיט די שטרוי פון די שאכטל טאר מען נישט, אבער מען מעג 'אויפרייסן' אדער 'אויפשניידן' די פלעסטיק וואס נעמט ארום די שטרוי ווען עס איז נאך באהאפטן צום שאכטל, און ארויסנעמען די שטרוי דערפון.

---

1 דער איסור פון "קורע" איז נאר צוטיילן 'צוויי זאכן' וואס זענען באהאפטן צוזאמען, אבער צורייסן איין זאך אליינס איז נישט אסור אלס קורע (זעה פרק ד' סעיף א' און ב').

2 ווייל מען טרונקט דאס אויס אויפאיינמאל, און ביי אן עפענונג וואס מען נוצט נאר איינמאל איז נישט דא קיין איסור פון מאכן א "פתח" (זעה פרק ג' סעיף ג).

# מאור התורה

### ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## כי לא יחדל אביון מקרב הארץ על כן אנכי מצוך לאמר פתוח תפתח את ידך וגו'.

אין די גלילות פון די שטאט קאסוב איז געווען איין יאר א גרויסע קעלט, און די ארימעלייט האבן נישט געהאט גענוג געלט צו קויפן האלץ זיך צו קענען אנווארעמען, האט דאן הרה"ק ר' חיים קאסוב'ער פראבירט צו שתדל'ען ביי די עשירים אז זיי זאלן העלפן די עניים, אבער די עשירים האבן ליידער נישט צופיל צוגעהאלפן די ארימעלייט, און אזוי איז אריבער געגאנגען א שטיקל צייט וואס די עניים זענען א יעדע נאכט אויסגעגאנגען פאר קעלט.

איין טאג איז הרה"ק מ'רוזין זי"ע געקומען באזוכן זיין מחותן ר' חיים מ'קאסוב, און די מחותן האט אנגעגרייט א גרויסע סעודה לכבודו פונעם גרויסן גאסט, און פארשטייט זיך אז ביי די סעודה האבן זיך צוזאמען גענומען אלע חשוב'ע אידן פון שטאט און בתוכם אויך אלע עשירים, וואס זענען געקומען מקבל פנים זיין דעם הייליגע ריזונ'ער.

די קאסוב'ע רב האט מכבד געווען דער ריזונ'ער צו זאגן דברי תורה, און אים אויך געבעטן אז ער זאל אנווארעמען די עולם אז זיי זאלן שטיצן די ארימעלייט, האט דער ריזונ'ער געזאגט, אז עס שטייט אין פסוק 'כי לא יחדל אביון מקרב הארץ וגו' על כן אנכי מצוך לאמר פתוח תפתח את ידך' וגו', איז שווער אויף דעם, ווען עס שטייט ווען אין פסוק אז אויב מען גייט טיילן צדקה גייט זיך אויפהערן די עניים, און אלע גייען האבן פרנסה בהרחבה, דעמאלטס וואלטן אלע עשירים געהאט סאך א גרעסערע געפיל צו טיילן צדקה, ווייל נאך אביסל גייט מען שוין נישט דארפן טיילן, אבער למעשה זאגט די פסוק פארקערט, אז ווייל עס גייט זיך נישט אויפהערן די עניים וועגן דעם זאל מען טיילן צדקה.

נאר וואס וויל די פסוק זאגן דא, אז די רייכע מענטשן קענען זאגן אז וואס גייט מיר אהן וואס עס גייט פאר מיט די ארימעלייט, זאלן זיי שטארבן פון קעלט אדער הינגער ח"ו, למעשה איך האב דאך יא עסן און הייצונג, וועגן דעם זאגט די פסוק אז וויבאלד עס גייט אייביג זיין עניים אויף דעם וועלט, וועגן דעם זאלן די עשירים שפייזן די עניים כדי זיי זאלן בלייבן לעבן, ווייל אויב אלע עניים גייען אויסשטארבן פון הונגער און קעלט, גייט די אייבערשטער מוזן נעמען אביסל פון די עשירים און זיי מאכן פאר עניים.

ווען די עשירים האבן דאס געהערט האבן זיי גלייך געעפענט זייערע טאשן און אנגעהויבן טיילן געלט פאר די ארימעלייט.

*

עס איז געווען א איד א גרויסן עושר, וואס האט נישט ליב געהאט צו טיילן צדקה, ער האט געשטעלט א גרויסע הינט אין פארנט פון זיין הויז אז קיינער זאל נישט קענען קומען צו זיין טיר קלאפן, אזוי איז אנגעגאנגען פאר יארן לאנג.

דער איד האט שטארק געליטן אויף די הארץ, און ער פלעגט כסדר חלש'ן ל"ע, און ער האט כסדר געדארפט פארן צו דאקטוירים. זיינע חברים האבן אים גע'עצה'ט צו פארן קיין קערעסטיר צו הרה"ק רבי ישעי'לע מ'קערעסטיר זי"ע, און ער וועט אים זיכער קענען העלפן. דער עושר האט קיין סאך תורה ומצות נישט געהיטן, האט ער זיך קודם צוריק געהאלטן פון גיין, אבער נאך א שטיק צייט האט ער געזעהן אז ער האט נישט קיין אנדערע עצה נאר צו גיין און זעהן צו די צדיק קען אים העלפן, ווען דער איד איז ארין געקומען צו רבי ישעי'לע, האט אים רבי ישעי'לע געפרעגט צו ער גיבט צדקה פאר ארימעלייט, האט דער איד פארביטערטערהייט מודה געווען אז ער האט נאך אין זיין לעבן קיינמאל נישט מקיים געווען די מצוה פון צדקה, האט אים ר' ישעי'לע געזאגט אז עס שטייט אין פסוק 'ולא ירע לבבכם בתתך לו' - אז ווען מען גיבט צדקה טוט די הארץ נישט וויי, האט דער עושר געפרעגט, וויפיל איז די שיעור פון צדקה, האט ער אים געענטפערט אז וויפיל די עני זאגט אז ער דארף זאל מען אים געבן און נאך צולייגן א שיינעם סכום.

דער איד האט פארשטייט זיך מקיים געווען וואס ר' ישעי'לע האט אים געהייסן, און ער האט אוועק גענומען די הינט ביי זיין הויז, און אנשטאטס דעם געלייגט דארט א גרויסע טאוול וואס איז געשטאנען דארט 'כל עני הנצרך לנדבה יכנס הביתה', און ער האט אנגעהויבן טיילן אסאך צדקה, און פון דעמאלטס און ווייטער איז די גאנצע מחלה פון זיין הארץ פארשוואונדן געווארן.






# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק מרן רבי מרדכי מדעמעטשער זי"ע

די קומענדיגן דאנערשטאג, ל' אב, א' דר"ח אלול, געפאלט אויס די יומדהל"ק פון הרה"ק מרן רבי מרדכי סג"ל לאווי זי"ע אבדק"ק דעמעטשער. אביו של רביה"ק זי"ע, וזקינו הגדול של יבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

### ואלה מתולדותיו

דער דעמעטשער רב זי"ע איז געבוירן אין יאר תרמ"ט לפ"ק, צו רבינו הסב"ק זי"ע.

זייענדיג פופצן יאר אלט, איז דער דעמעטשער רב א חתן געווארן בזיווו"ר מיט הרבנית הצדיקת מרת רבקה ע"ה, בת הגה"צ ר' ישראל מרדכי אדנשטיין זצ"ל וועלכע איז געווען אבדק"ק קערעסטיר.

דער דעמעטשער רב האט אין יאר תרע"ט ווידער חתונה געהאט, דאן מיט הרבנית הצדיקת מרת צירל בת הגה"צ רבי יעקב פעקעטע זצ"ל, וועלכער איז געווען דומ"ץ דק"ק נירבאטור.

דער דעמעטשער רב האט זיך פאררעכנט ווי א תלמיד חביב פון זיין הייליגן פעטער דער באר מנחם פון קאלוב זי"ע, לערנעדיג פון אים פלפולים דאורייתא אין די ימי הבחרות.

א געוואלדיגע תשוקה פלעגט דער דעמעטשער רב פארמאגן ביים ארומפארן צו צדיקי דורו, און פארווילן ביי זיי באור קדושתם. צווישן זיי האט דער דעמעטשער רב זוכה געווען צו באזוכן, ביי זיין פעטער, דער בני שלישים פון קאסאן, רבי יעקב משה מ'קאמארנא, רבי מאניש מ'קאמארנא, רבי פנחס נתן מ'רודניק, רבי מרדכי מ'נאדבורנא, זכותם יגן עלינו.

דער דעמעטשער רב האט באקומען "סמיכת הוראה" ביי די גדולי גאונים אין זיין דור, צווישן זיי הגאון המהרש"ג אבדק"ק סעמיהאלי זי"ע, און פון זיין פעטער דער באר מנחם זי"ע, און פון הגה"צ אבדק"ק נירבאטור זי"ע, און נאך.

א זעלטענע גוטע כח הסברה האט דער דעמעטשער רב פארמאגט, קענענדיג מסביר זיין די שווערסטע סגיות הש"ס מיט א קלארקייט, און גרונטליך ארויסהאבן שווערע סברות אז אפילו אנדערע זאלן עס קענען קלאר פארשטיין.

נישט בחנם פלעגט דער דעמעטשער רב פירן די גרעסטע דיני תורה פון איבער גאנץ אונגארן, אלעס בהשכל ובדעת, מיט זיין שכל הישר, בדרך שלום ושלוה, און קיין קריגערייען.

טראץ דעם וואס דער דעמעטשער איז געווען באקאנט זייענדיג א אדם השלם, ומעוטר בכל המעלות, און זיין נאמען האט געש'מט ווייט ווייט, איז ער אבער געווען א בורח מן הכבוד, און אנטלאפן פון יעדעס פינטל כבוד. ער פלעגט אפזאגן אסאך גרויסע שטעט וועלכע האבן געוואלט ער זאל קומען דינען אלך רב, כדי ער זאל קענען זיצן און לערנען רואיגערהייט, און דינען דעם אויבערשטן.

דעם גענויעם דאטום ווען די פטירה פונעם דעמעטשער רב געפאלט אויס איז נישט באקאנט, צוליב דעם וואס ער איז אומגעבערענגט געווארן על קידוש השם דורך די רשעים ימ"ש. אבער רביה"ק האט קובע געווען די יארצייט אויף דעם טאג א' דר"ח אלול.

### די תורה איז נישט קיין קענטעניס

דער דעמעטשער רב פלעגט לעבן א אפגעזונדערטע לעבן פון אלע גשמיות, און פלעגט זיין שטענדיג אין א העכערקייט, און דינען דעם אויבערשטן בכל כוחו, אלע שעה'ן פון טאג.

ער פלעגט זיך שטענדיג אויסדריקן "די תורה איז נישט קיין קענטעניס, ס'דארף זיין תורה מיט יראת שמים בקדושה וטהרה"...



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ו אב | הרה"ק רבינו יואל בן רבי חנני' יו"ט זי"ע - מ'סאטמאר | תשל"ט |
| כ"ז אב | אבינו רועינו רבינו הקדוש מרן משולם פייש בן הרה"ק רבי מרדכי סג"ל זי"ע | תשע"ה |
| ל' אב | הרה"ק רבי מרדכי בן רבינו הסב"ק מרן אלימלך סג"ל זי"ע הי"ד - אבד"ק דעמעטשער | תש"ד |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ח אב | הרב החסיד ר' יו"ט ליפא בן ר' שלום ע"ה ווייס<br>גיסו של רביה"ק זי"ע | תשע"ג | ביה"ח בקרית יואל |
| א' אלול | הרב החסיד ר' בנימין זאב בן ר' אליהו ע"ה ציג | תשפ"ב | ביה"ח בשיכון סקווירא |

## א גוי קען נישט מוחל זיין

דער דעמעטשער רב פלעגט אלעמאל זיכער מאכן אז זיינע קינדער און תלמידים פירן זיך אויף מיט "מדות טובות", ובפרט אז מען דערווייטערט זיך פון כעס און הקפדה אויף א צווייטן איד. ער פלעגט שטענדיג זאגן "א גוי קען נישט מוחל זיין", מיינענדיג דערמיט ארויסצוברענגן דאס אינטערשייד צווישן א איד און א גוי.

אונטער א שעה קען איך נישט מקצר זיין...

ווען דער דעמעטשער רב איז אויפגענומען געווארן אין שטאט דעמעטשער אלטס רב ואב"ד, האט ער ביים ערשטן דרשה געדרשנ'ט פאר א משך פון דריי גאנצע שעה. די שטאטלייט זענען דערנאך געגאנגען זאגן אז זיי זענען נישט געוואוינט צו אזעלכע לאנגע דרשות און פלפולים, און אז דער רב זאל פון היינט און ווייטער פאר'קורצר'ן, און נישט דרש'נען אזוי לאנג.

דעם קומענדיגן טאג האט דער דעמעטשער רב ווידער געהאלטן א דרשה, און געהאלטן ווארט, און געדרשנ'ט נאר פאר צוויי שעה. נאך עטליכע טעג זענען די שטאטלייט ווידער געגאנגען זיך בעטן אז צוויי שעה איז אויך אסאך פאר זיי, און דער דעמעטשער רב זאל פרובירן צו מקצר זיין מיט די דרשות. האט זיך דעמעטשער רב אנגערופן: "גוט, איך וועל דרש'נען א שעה, אבער וויסן זאלט עטס, אונטער א שעה קען איך נישט מקצר זיין"...

## שמור וזכור על דיבו"ר אחד

איינע פון די הויעכע מדריגות וואס דער דעמעטשער רב האט פארמאגט, אז ער פלעגט היטן זיין הייליג מויל אויף א זעלטענעם פארנעם.

רביה"ק זי"ע פארציילט אז זיין הייליגער פאטער האט קיינמאל נישט ארויסגערעדט פון זיין מויל קיין איבריג ווארט, דורכאויס זיין גאנץ לעבן. חוץ ווען עס איז געקומען צו זאגן מוסר ודברי תורה פאר זיינע קינדער, דאן האט זיין מויל געפלאסן מיט פערל רייד, מיט א גרויסע התלהבות מתוך לבו הטהורה למען כבוד יתברך.

זיין אומשאצבארע עבודת התפלה

די געוואלדיגע "עבודת התפלה" וואס דער דעמעטשער רב האט אפגעראכטן בשעת ווען ער האט זיך שופך שיח געווען פארן מלך מלכי הקדוש ברוך הוא, איז עפעס וואס מיר קענען נישט באגרייפן.

ווער ס'איז געשטאנען נעבן דעם דעמעטשער רב ביים דאווענען איז נתעורר געווארן און נתרגש געווארן פון די נעימות'דיגער קול, און פון די השתפכות הנפש, עס איז געווען בבחינת כל עצמותי' תאמרנה.

ווען דער דעמעטשער רב האט געדאווענט, זענען הונדערטער מענטשן זיך געשטעלט ארום אים, ביז דער ביהמ"ד איז שוין געווען פול פון ברעג צו ברעג, דאן האט זיך דער שטראם נישט אפגעשטעלט, נאר מען האט זיך געשטעלט אינדרויסן צו מיטהאלטן דעם זעלטענעם עבודת התפלה.

א אינטערעסאנטע אנעקדאט ווערט צוגעצייכענט צום "עבודת התפלה" פונעם דעמעטשער רב. ווען ער פלעגט פארן אויף די ימים נוראים צו זיין פאטער דער סב"ק זי"ע, און פלעגט דאווענען פאר'ן עמוד, פלעגן מענטשן פון די ארומיגע געגענטער ספעציעל קומען הערן וויאזוי דער דעמעטשער רב דאווענט. אויף אזוי ווייט האט זיין "עבודת התפלה" אפגעשמ'ט ווייט.

## חטאנו צורנו סלח נא יוצרנו

עס ווערט געברענגט, אז אינעם הייליגסטן טאג פון יאר, יום הקדוש אויפדענאכט, ווען דער דעמעטשער רב פלעגט זאגן דעם פסוק "חטאנו צורנו סלח נא יוצרנו", פלעגט זיך זיין אטעם אפשטעלן, פון גרויס פחד און שרעק וואס האט אים דאן באנומען, ביים זאגן די ווערטער. עס האט געדויערט לאנגע מינוטן ביז ער איז צוריק צו זיך געקומען, און געקענט פארזעצן צו דאווענען.

## ונסיים מדברי זכרון של רביה"ק זי"ע

עס איז כדי צו מסיים זיין די וואך דעם מאמר, מיט דברי זכרון וואו רביה"ק רעדט מיט געגועים פון זיין הייליגער פאטער, דער דעמעטשער רב, ווי עס ווערט געברענגט אין עבו"ע שיח"ק ח"א.

"אילו יכולתי לפרט פרטים ממנו, הייתי מסביר לכם את מהותו, אבל באמת אין שייך לי להסיר לכם ולספר פרטים, כי מכל תנועה מתנועותיו יכלו ללמוד תורה שלימה ואין שייך לי להסביר זאת בדברים".

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן






איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
פאסט
11 Van Buren Dr. #205
Monroe, NY 10950

שיקט א
פעקס
845.610.8674

לאזט א מעסעדזש אויף
קול איחוד
718.451.8674
Ext. 841

וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוון אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.


## זיך אפשטעלן געבן צדקה ביים ציון הקדוש

אפאר ווערטער היוצאים מן הלב למעלת כבוד תלמידים וחסידים אנשי שלומינו,

איך פיל אז דא איז די געלעגנהייט זיך אויסצושמועסן א וויכטיגע זאך וואס וועט זיכער זיין א נייחא פארן צדיק רביה"ק זי"ע, עס זענען דא אן א צאל אידן וואס שטייען אויף די וועג צום ציון הקדוש אין נעמען צוזאמען געלט פאר פארשידענע וויכטיגע צוועקן, ווי פאר אריםמע מענטשן און צובראכענע משפחות, די גמרא זאגט עניהם של עניים נשואות למקרא מגילה, די זעלבע איז במלוא מובן המלה עניהם של עניים, ושל המוסדות נשואות ליום היארצייט של הצדיק, און עס זענען דא יונגעלייט און בחורים וואס שטרענגען זיך אן מיט אלע כוחות זיך צו שטעלן אויפן וועג צום ציון האפנטליך צו שאפן שיינע סכומים פאר די מוסדות, און פאר אידן וואס דארפן צוקומען צו דעם, לטובת נשמת רבינו הקדוש זי"ע.

לאמיר זיך אפאר מינוט אריין שטעלן אין די מצב פון די חשוב'ע יונגעלייט און די טייערע בחורים וואס שטייען אויפן וועג צום ציון און שרייען שטיצט..... העלפסט ארויס.... פויעלט אלעס גוט'ס... א.א.וו., און זיי געבן אוועק פון זיך, טייערע צייט!, כוחות הגוף והנפש! טראצדעם וואס די היצן זענען גרויס, די זין בראט און ברענט, אלץ דערפאר כדי זיי זאלן שאפן געלט פאר די הייליגע מוסדות, אדער פאר אנדערע נצרכים, לטובת נשמת רבינו הקוה"ט זי"ע.

אבער למעשה די אידן וואס גייען צום ציון יאגן זיך, יעדער וויל ווי שנעלער אנהייבן תהלים, און זיך אויסבעטן בדבר ישועה ורחמים, און זיי נעמען נישט אין אכט אז מיט דעם וואס מען וועט זיך וויסענדיג מאכן און געבן די פאר דאלער פאר די אידן וואס זענען פושט יד, וועט דער אייבערשטער אויך זיך וויסענדיג מאכן פון די תפלות וואס מען גייט בעטן און מען וועט פויעלן אלעס גוט.

עצה טובה קמ"ל! מען קען אנגרייטן דאס געלט פון פאראויס, אז ווען מען גייט ארויף צום ציון זאל מען נישט דארפן פארברענגען קיין צייט, נאר געבן די סכום וואס מען וויל געבן ברוח נדיבה, און מיט דעם האט מען א דאפלטע זכות, מען איז מהנה די מוסדות, און די עניים, און מען איז מחזק די עושי מצוה במסירות נפשם, ועל כלם איז מען מהנה נשמת רבינו הקוה"ט זי"ע, וואס זיין גאנץ לעבן האט ער זיך וועקגעגעבן פאר אנדערע, און אין צוליב די גרויסע מצוה וועט מען אי"ה זיכער פועל'ן אלעס גוט'ס.

יישר כח ותזכו למצות

האטס געפועל'ט אלעס גוטס

## ובדברי קדשך כתוב לאמור

לכבוד די חשוב'ע מערכת גליון הנפלא באור החיים. איך וויל איבערגעבן א חשובער מאמר געבויעט אויף א "דיבור קודש" פון רבינו הקדוש מטאהש זיע"א

דער הייליגער רבי זי"ע האט אויסגעלערנט און געפאדערט פון זיינע תלמידים, זאלן פארשטיין אז עבודת ה' ית' און אידישקייט, דארף געטהון ווערן אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה האבן געזאגט אין די הייליגע תורה, אז דאס פאדערט דער אייבערשטער פון אונז, אן קיין הנחות און אן קיין פשרות, און עס קומט נישט קיין יישר כוח פאר ווער עס פאלגט און פירט זיך ערליך, כי לכך נוצרת, און מ'האט נישט וואס זיך גרויס האלטן דערמיט, און אפילו נישט זיין צופרידן פון זיך, דאס איז א ברייטע נושא, צו דאס איז א דרך וואס איז שווה לכל נפש צו נישט, אבער נישט דאס איז אונזער ענין דא, נאר למעשה האט דער הייליגער רבי אזוי מחנך געווען און געלערנט, אבער, ביז!! ביז ס'איז געקומען צו א נפש בישראל, אויב ס'איז געקומען צו א שאלה פון אחריות אויף א נפש בישראל וואס וועט אפשר חלילה ארויס פאלן פון א מקום תורה אדער בכלל פון א מסגרת, דארט איז פלוצלונג מקצה אל הקצה נשתנו פני הדברים, און ס'איז דא אויף דעם עובדות לרוב והדברים ידועים.

איך וויל בסיעתא דשמיא זיך באצייען צו א מעשה וואס איז געווען בשעת ס'איז געקומען אמאל צום הייליגן רבי'ן זי"ע איינע פון די יאהרן, דער מנהל רוחני פון ישיבה און געזאגט פארן רבי'ן אויף א געוויסן בחור אז ס'איז אום מעגליך ער זאל בלייבן אין ישיבה, דער הייליגער רבי האט געהערט, און נאך א מינוט טראכטן געפרעגט פארן מנהל, וואלט דאס געווען מיין זוהן וואלסטו אויך אזוי געזאגט, האט דער מנהל געענטפערט, ניין, האט אים דער רבי געזאגט, האסט גוט געענטפערט, אבער פארוואס וואלסטו נישט געזאגט אזוי, ווייל די פארשטייסט אז אויב עס וואלט געווען מיין זוהן, וואלסטו געטוהן כל טצדקי

שבעולם צו טרעפן עפעס א גוט פונטל וואס פארדעם קען ער יא בלייבן אין ישיבה, דער המשך איז קלאר פאר יעדעם.

~

בסייעתא דשמיא וויל איך לערנען פשט אין דעם מעשה.

און מדרש איכה [מדרש רבה איכה פרשה ד׳ אות ד׳] שטייט, מעשה בר׳ יהושע בן חנניה שהלך לכרך גדול שברומי, אמרו לו תינוק אחד יש בבית האסורין בקלון, עס געפינט זיך א יונג בחור און טורמע פאר אום געוואונטשענע מעשים, וואס פארשעמען, ווער עס מאכט זיי [דאס טייטש בקלון, מלשון בושה], הלך שם וראה תינוק אחד יפה עינים וטוב רואי וקווצותיו סדורות לו עומד בקלון, ר׳ יהושע האט געזעהן א בחור׳ל מיט א חן, אבער ער געפינט זיך בשפל המצב, עמד על פתחו לבדקו, ר׳ יהושע האט געוואלט זעהן דעם מהות פונעם בחור׳ל, וקרא עליו הפסוק הזה (ישעי׳ מ״ג) ״מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזזים״, ווער געבט דעם מעגליכקייט אז אידישע קינדער זאלן אזוי זיין דערנידערט, ענה התינוק אחריו, האט דער בחור זיך אנגערופען, ״הלא ה׳ זו חטאנו לו ולא אבו בדרכיו הלכו ולא שמעו בתורתו״, מען איז אליין שולדיג ווייל מ׳וויל נישט גיין אין אייבערשטן׳ס וועגן, כיון ששמע ר׳ יהושע, אז ר׳ יהושע האט געהערט אז דער בחור ענטפערט אזוי, קרא עליו, בני ציון היקרים המסולאים בפז, האט דאס איז די טייערע אידישע קינדער וואס זענען געשעצט ווי די טייערסטע גאלד, וזלגו עיניו דמעות, און ר׳ יהושע האט געגאסן טרערן אויף אים, ואמה, מעיד אני שמים וארץ שמובטח אני בזה שמורה הוראה בישראל, האט זיך ר׳ יהושע אנגערופן, הימל און ערד זענען מיינע עדות, אז ס׳איז מיר קלאר אז דער בחור׳ל וועט זיין א מורה הוראה בישראל, והעבודה, און איך שווער א שבועה, שאיני זז מכאן עד שאפדנו בכל ממון שיפסקו עליו, איך וועל פון דא נישט אוועק גיין ביז איך לייז אים אויס פאר וויפיל געלט זאל מען נאר בעטן פאר אים, אמרו, זאגן חז״ל, לא זז משם, ר׳ יהושע איז נישט אוועק פון דארט, עד שפדאו בממון הרבה, ביז ער האט אויס געלייזסט פאר גרויס געלט, ולא היו ימים מועטים, און ס׳איז נישט אריבער אסאך צייט, עד שהורה הוראה בישראל, ביז ער איז טאקע געווארן א מורה הוראה בישראל, פרעגט דער מדרש, ומנו, און ווער איז דאס געווען, ענטפערט דער מדרש, ר׳ ישמעאל בן אלישע, עד כאן דברי המדרש.

אזוי אויך, ווערט נאך געזאגט פון צדיקים אויפן פסוק (פר׳ שמיני) ״וישמע משה ויטב בעיניו״, אז משה רבינו ע״ה מיט זיין קוק האט ער גוט געמאכט.

און מסכתא ברכות ווערט פארציילט ווי גרויס ר׳ ישמעאל בן אלישע האט דערגרייכט, זאגט די גמרא (דף ז׳ ע״א), תניא אמר ר׳ ישמעאל בן אלישע, פעם אחת נכנסתי להקטיר קטורת לפני ולפנים, איין מאל בין איך אריין אין קודש הקדשים מקטיר צו זיין קטורת, וראיתי אכתריא-ל י-ה ה׳ צבקות שהוא יושב על כסא רם ונשא, זאגט דער הייליגער מהרש״א, בעלי הסוד כתבו שהוא רומז לכתר עליון והאל״ף שלפניו מורה על אין סוף אשר משם הבריכה העליונה שופעת טל לברכה, דאס מיינט אז ר׳ ישמעאל בן אלישע האט פארציילט אז ער האט זוכה געווען צו גאר א גרויסע גילוי אלוקות, ואמר לי ברכני, און כביכול דער אייבערשטער האט אים געבעטן אז ר׳ ישמעאל זאל אים בענטשן, אמרתי לו, יהי רצון מלפניך שיכבשו רחמיך את כעסך ויגולו רחמיך על מידותיך ותתנהג עם בניך במידת הרחמים ותכנס להם לפנים משורת הדין, פירט אויס ר׳ ישמעאל, ונענה לי בראשו, זאגט דער הייליגער רש״י, כמודה בברכתי ועונה אמן.

זעהן מיר א געוואלדיגע גרויסע מדריגה וואס ר׳ ישמעאל בן אלישע האט זוכה געווען, איבער דער עצם זכיה וואס ער איז געווארן א כהן גדול, האט ער נאך זוכה געווען צו מדריגות וואס נישט יעדער כהן גדול האט זוכה געווען.

~

און אויב דאס איז נאך וויניג, האבן מיר געזאגט תשעה באב א קינה נוראה אויף די עשרה הרוגי מלכות [קינה כ״א] ״ארזי הלבנון אדירי התורה״, וואס אין מדרש ווערט פארציילט, אז בשעת מען האט מודיע געווען פאר די הרוגי מלכות פון די גזירה נוראה, האט ר׳ ישמעאל געזאגט פאר זיינע חברים, אז ער איז גרייט ארויף צו גיין אין הימל פרעגן צו דאס איז א גזירת עליון, פארציילט דער מדרש, אז בשעת ר׳ ישמעאל איז ארויף אין הימל האט אים געטראפן דער מלאך מטטרון, און ער האט אים געפרעגט ווער ביסטו, האט ער געענטפערט, אני הוא ישמעאל בן אלישע כהן גדול, האט אים דער מלאך געזאגט, אתה ישמעאל שקונך משתבח בך כל היום וכו׳, און ר׳ ישמעאל האט אים געזאגט פארוואס ער איז געקומען, האט אים דער מלאך געזאגט אז ס׳איז טאקע א גזירת עליון, האט אים ר׳ ישמעאל געפרעגט, פארוואס האט מען אויסגעוועלט דוקא אונז, האט אים דער מלאך געזאגט, לא מצא הקב״ה עשרה ששקולים כבני יעקב כי אם אתם וכו׳, דער אייבערשטער האט נישט געטראפן ווער עס איז נאך צוגעגלייכט צו די הייליגע שבטי י-ה אזוי ווי ענק וכו׳.

זעהן מיר, אז ר׳ ישמעאל בן אלישע איז געווען פון די געציילטע אין דער וועלט וואס האבן זוכה געווען צו דערגרייכן די מדריגות פון שבטי י-ה.

קען איינער פון אונז פארשטיין די געוואלדיגע זכות פון ר׳ יהושע בן חנניה וואס האט פארשטאנען צו קוקן אויף דער חן וואס איז געווען אויף דעם בחור׳ל, יפה עינים וטוב רואי, טראץ דער מצב ווי ער האט אים געטראפן, און ר׳ יהושע בן חנניה האט זיך פארלייגט אים פודה צו זיין פאר וועלכער פרייז זאל נאר זיין, און מיט דער צייט, האט דאס בחור׳ל האט אויפגעלאכטן אלע וועלטן, פלא פלאים נורא נוראות.

עס איז מיר קלאר, ווען איך וואלט זוכה געווען צו זאגן פארן הייליגער רבי׳ן זי״ע, דאס גאנצער פשעטל אלץ א הסבר אונעם אויבן דערמאנטע הייליגע מעשה, וואלט איך זוכה געווען צו זעהן, ״ונענע לי בראשו״.

זכותו הגדולה והק׳ יגן עלינו ויעמוד לנו ולכל ישראל אמן.

זעירא דמן חבריא

יעקב לאנג

פעיה״ק ירושלים תובב״א




## סדר לבישה ופשיטה

ב. סדר הלבישה [בהיותו במקוה], תחילה לבש את חלק הגוף העליון כסדר דלהלן: הכיפה, כותונת, טלית קטן, לאחר מכן מכנסיים, בעקיטשע, ואח"כ הגרביים ב). וכשפשט את בגדיו פשטם להיפוך מסדר הזה, קודם חלק הגוף התחתון ואח"כ העליון, קודם המכנסיים ואח"כ הטלית קטן, הכתונת, והכיפה ג).

## לבוש היארמילקע

ג. הכיפה שעל ראשו היה יארמילקע ד) לבנה (ב) של צמר (ג).

## זהירות על כיפה גדולה כראוי

ד. היארמילקע שלבש דקדק שיהיה גדול ביותר כדי שיכסה היטב את כל הראש, מן המצח ה) (מקום תחילת צמיחת השער) עד נקב העורף ו).

### מעיינות הלוי

**ב)** עיין בספר אמרי פנחס (שער תורת האדם אות קסח).

**ג)** כן מפורש במסכת דרך ארץ זוטא (פ"ח ה"ט) וז"ל, הכניסן למרחץ, בתחילה מעביר מסוהב [בביאור נחלת יעקב כתב שזה מיותר], ואח"כ מעביר את המנעלים, ואח"כ מעביר את המכנסים, ואח"כ מפשיט את החלוק. והטעם כתב בשו"ת תורת יקותיאל (סי' ח) כדי לאחר בפשיטה ולהקדים בלבישה את הבגד של מצוה דהיינו הטלית קטן, וראה עוד בשו"ת קנה בשם (ח"ב סי' א) מה שדן בזה.

וכתב בשו"ת מנחת יצחק (ח"ד סי' סא), שמעתי בנעורי מאת הרה"ק חו"פ מוהר"מ אייכנשטיין זלה"ה הי"ד, שאמר בשם זקינו מרן הרה"ק צדיק יסוד עולם מזידיטשוב ז"ל, שלמד סדר הלבישה לאחד מבניו בזה"ל: קודם דאס יארמיקעל, נאכדעם דאס העמד, קודם דעם טלית קטן, נאכדעם די מכנסים, עכ"ל הק', וכן נוהגים כל היראים, ע"כ.

**ד)** כתב בספר אוהל יהושע בשם הרה"ק ר' יהושע מבעלזא זי"ע, דיארמילקא הם אותיות "ירא אלוקים" (או יר"א מלכ"א).

ומובא בדרכי חיים החדש (אות ל), הקפיד רבינו (מצאנז) ללבוש מיצעל (קאפעל) שסרגו נשים עבורו, משום שרצה ללבוש בגדים שנעשו בטהרה, ולא לבש מסאמעט שנעשתה בהפאבריקן, ע"כ. וראה להלן (הערה יח).

**ה)** ראה להלן (הערות ז' ח').

**ו)** וכן דקדקו הרבה צדיקים מיסודו של הרה"ק הרבי ר' מנחם מענדל מרימנוב זי"ע.

וכתב בקובץ עץ חיים (שנה ג', שבט תשס"ט, עמוד רלג) בשם הרה"ק הקדושת ציון מבאבוב זצ"ל שביאר זאת ע"פ מאמר חז"ל (שבת קנו, ב) כסי רישיך כי היכי דתהוי עלך אימתא דשמיא, ומחמת הספק

### עבודת הלוי

**(ב)** בשנים הראשונות לבש יארמילקע עשויה מסאמעט גדולה כדי לכסות את כל הראש. ובשנת תשל"א כשבא בחזרה מביקורו בארץ הקודש, התחיל ללבוש יארמילקע לבנה כמנהג היראים בירושלים. בתחילה לבשו רק בשבתות ויו"ט, ולאחר זמן קצר התחיל ללבשו גם בימות החול. וראה עוד בהערה הבא.

**(ג)** והסביר טעמו שלובש יארמולקע של צמר, כי בזה יכול להדק אתהתפילין של ראש בעת הנחתו על הראש מבלי שיצטרך להסיר היארמולקע מעל הראש, כי הוא מתפשטלצדדים ויכול להרחיבו לכל צד לפי הצורך בעת ההידוק.

עוד סיבה היתה לו בזה, כי בעת התפילה כשהיה קופץ בהתלהבות ומזדעזע בכל איבריו כדרכו, היתה הטלית נמשכת מעל ראשו, והכיפה העשויה מסאמעט נמשך עמו קצת ועלול ליפול מהראש,

**ה. מרגלא בפומיה לעורר ולהשריש לתלמידים ללבוש כיפה המכסה את כל מקום המוח שבראש ז) וצוה לחנך כן אפי' את הילדים קטנים, כי זה מביא ליראת שמים ח) ולא כאלו המסתפקים בכיסוי המכסה רק את אחורי הראש (ד) או כיסוי קטן ט). וכמה הצטער אותו צדיק והביע את כאב לבו הטהור על ההתרשלות שנפרץ לאחרונה שמכסים את הראש בכיסויים קטנים [ב], ומידה טובה מרובה כמה היה מביע קורת רוחו והנאתו כשראה שנזהרים בזה (ה).**

### מעיינות הלוי

באיזה חלק מהראש בעינן לכסות, מכסים את כל הראש, דהיינו המקום שמתכסה ע"י הכובע, ואת חלק העורף מכסים בכיפה. ועוד שבזה מבדילין בין הגויים לישראל (כי גם הם מכסים את ראשם לנוי ולכבוד).

**ז)** בגמ' (קידושין לג, א), רבינא הוי יתיב קמיה רבי ירמיה מדיפתי, חלף ההוא גברא קמיה ולא מכסי רישא, אמר כמה חציף האי גברא. וכתב השו"ע (סי' ב ס"ו)אסור לילך ארבע אמות בגילוי הראש.

ובעצם חיובו מפורש בזוה"ק (רעיא מהימנא נשא דף קכב ע"ב) שהוא איסור גמור מדינא, וז"ל, בר נש אסור למיזל בגילויא דרישא משום דמסתלקי חיי מיניה, וכן משמע בבית יוסף (סי' ח ד"ה ומכסה) וכן סתם השו"ע (סי' ב שם), אבל יש חולקים שהוא מחמת מדת חסידות.

ובמשנ"ב (שם ס"ק יא) הביא את שני השיטות ולא הכריע ביניהם, וכתב דבזמן הזה לכו"ע אסור מדינא מחמת הטעמים [דלהלן].

אולם כל זה באיסור הליכה ד' אמות בגילוי הראש. אבל כשמהלך פחות מזה, או עומד, או יושב, לכו"ע הוא רק ממידת חסידות.

אולם כשמזכיר שם שמים, או כשנכנס לביהכ"נ, או כשעולה לתורה, מחויב לכו"ע מדינא לכסות את ראשו מחמת כבוד השכינה, כמבואר בשו"ע (סי' צא ס"ג).

וכמה טעמים נאמרו לכיסוי הראש, בשו"ע הרב (מהדו"ק סי' ב ס"ו) כתב, במדינות אלו שהנכרים נהגו לגלות ראשם, וישראלים קדושים נזהרים בזה משום צניעות, אם כן ההולך או אפילו היושב בגילוי הראש כמו הנכרי, הרי זה עובר בלאו ד'ובחקותיהם לא תלכו' (ויקרא יח, ג). וכבר קדמו בזה בשו"ת מהר"י מברונא סי' לד והט"ז או"ח סי' ח סק"ג.

עוד כתב שם וז"ל, ועכשיו בזמן הזה שכולם דרכם לכסות ראש, לעולם אסור לילך או אפילו לישב בגילוי הראש משום צניעות, שהרי זה כמגלה בשרו המכוסה. וגם הקטנים נכון לכסות ראשם, עכ"ל.

ובשו"ת מהרש"ל (סי' עב) הביא הטעם משום התבדלות מן התועים. ובזמננו שייך ביותר טעם זה, דזהו עיקר ההיכר לבן ישראל ששייך לשלומי אמוני ישראל ולא לפורקי עול.

ובשו"ת חתם סופר (חו"מ סי' קצא) כתב הטעם, משום כניעה ויראת שמים.

**ח)** כתב המג"א (סי' ח סק"ו), דיש להקפיד לכסות ראש הקטנים משיהיו בני שלש שנים. ומובא במסכת כלה רבתי (ריש פ"ב) דפעם אחת היו זקנים יושבים, עברו לפניהם שני תינוקות אחד גילה ראשו ואחד כיסה את ראשו, ואמר רבי עקיבא על אותו שגילה ראשו דכיון שהוא עז פנים, בודאי הוא ממזר ובן הנדה, ובדקו ומצאו שכן הוא.

ובשו"ת חתם סופר (חו"מ סי' קצא) הוכיח מזה דיש בכיסוי הראש משום כניעה ויראת שמים.

ובשו"ת לב אברהם (סי' א) כתב, דבכיסוי הראש מקיימים מצות עשה מן התורה של 'את ה' אלוקיך תירא' (דברים ו, יג), כיון שזהו פעולה המביאה לידי יראת שמים.

**ט)** בשיעור הכיסוי, כתב הגאון רבי שלמה קלוגר זצ"ל בשו"ת האלף לך שלמה (סי' ג) דיש בזה שני דרגות. א. כשכל ראשו מגולה, הוא איסור גמור מעיקר הדין, ואפילו הולך פחות מד' אמות. וכן כשרוב ראשו מגולה נחשב כגילוי הראש דרובו ככולו. ב. כשמקצת ראשו מגולה, האיסור הוא רק ממדת חסידות, ודוקא כשהולך ד' אמות [תחת כיפת השמים].

והרה"ק בעל הייטב לב זצ"ל בספרו ייטב פנים (חלק דורש טוב אות כג)כתב, 'לילך מכוסה כל הראש', ולא כמו עתה שמחצית הראש הוא מגולה, והכובע חבוש בקצה הראש. אך בהמשך דבריו משמע דקפידתו שלא יהיה מחציתו מגולה, הא רובו מכוסה שפיר דמי.

ובספר ברכת הבית (מגדולי רבני אונגארן בשנת תרס"ח בשער א' סכ"ב) כתב וז"ל, וצריך להיות רוב ראשו מכוסה, אבל בכיסוי מיעוט הראש לא מהני, וביותר יש ליזהר בזה בשעת הזכרת שם שמים שאז חובת הכיסוי הוא חיוב גמור.

ובספר שלחן הטהור להרה"ק מהר"א ראטה זצ"ל כתב (מאמר הצניעות פ"ד) וז"ל, והנה מנהג כמה וכמה מקומות שנותנים מצנפת קטן בראש הגלגולת ונראה כמו גלוי הראש ולומדים בה הבחורים וגם בעלי בתים, ובוודאי זה לא נקרא תורה לשמה, כי כל כמה שמכסה ראשו יותר יש שם גלוי השכינה יותר, כמובא לעיל מדברי הקדושים. וגם מלשון המדרש (ויקרא רבה יט, ד) אשר העתיק הדרכי משה (הקצר או"ח סי' ב אות ב) ע"י שמתעצל לכסות ראשו כראוי, ותראה שאין די בכסוי כל דהוא רק לכסות ראשו היטב.

[ובספר ארחות רבינו (ח"ג עמ' קפה) הביא בשם החזון איש זצ"ל שצריך לכסות את רוב הראש, ויש להקפיד שהכיפה תהיה לא פחות מגודל זה].

### עבודת הלוי

אבל היארמולקע עומד מהודק על מקומו בחוזק.

**(ד)** בעת שעברו לפניו ליל שב"ק באמירת גוט שבת כשראה ילד שהכובע שלו אינו מכסה את ראשו כהוגן במקום המוח, היתה דרכו להושיט את ידו הק' על ראש הילד ולסדר לו בעצמו הכיסוי כראוי, ובמאור פניו היה מסביר לילד על פי דרכו, שכך צריך להיות הכיסוי וכן הוא מקומו הנכון, או ביקשו שיחליפוהו בכיפה גדולה כי זה סגולה ליראת שמים, כידוע מהגמ' (שבת קנו ע"ב).

כמה פעמים אירע אצל אנ"ש שבאו לחסות בצל קדשו, וקודם שנכנסו אל הקודש פנימה, היו ההורים מזהירים את ילדיהם שהכיפה תעמוד במקום המוח, אף כי בשאר הזמנים או בביתם לא היו זהירים בזה כל כך, ביודעם שרבינו מעורר רבות על כך, ובבואם אל הקו"פ הרגיש רבינו בדבר, ואמר להם 'גם כאשר אינני רואה, צריכים להקפיד לכסות מקום המוח, ולא רק כשבאים אצלי'.

**(ה)** נציין כאן סיפור נפלא על כוחו בקירוב נשמות ישראל על ידי לבישת 'כיסוי גדול על הראש'. מעשה היה בבחור מבוגר אחד ושמו יעקב, שירד קצת מדרך התורה והמצוות, עוד בהיותו בגיל

### בארות הלוי

**[ב]** כאן יש מקום לעורר עוד, על מה שנפרץ מאוד בעוה"ר שישנם ילדים שמלובשים בכיפות קטנות מאוד שאינם מכסים את הראש כראוי, אלא למחצה לשליש ולרביע, ובפרט את חלק המוח שבראש, ששם צריך להיות עיקר הכיסוי דייקא, שם נשאר מגולה, ונחשב ממש כהולך בגילוי הראש ר"ל כו'.

אבל על כל פנים אצל הילדים הדבר חמור פי כמה, שנמצא שלמעשה הולכים בגילוי הראש, ולעיני בני אדם נראה ענין זה כדבר טפל שאינו הכרחי כל כך, כי כן יש בדבר הזה הרבה דברים שהם באמת עיקרים גדולים, ולעיני בני אדם הם נחשבים לטפלים, ומי שיש לו מח בקדקדו רואה ומבין, כי בענין כיסוי הראש תלוי הרבה מכח הקדושה של הילד, ובלי ספק שהכיפות הקטנות הללו גורמים לילד קרירות גדולה ביראת שמים.

כמו שסיפרו לנו חז"ל בגמרא (שבת קנו, ב) שהאיצטגנינים אמרו לאימיה דרבי

כ"ח שנים השקיע עצמו בקריאת עיתונות, עסק במחקרי הרופאים, עד שנכנס ללמוד בבית ספר ללימוד ומחקר לרופאים ומשכילים, חיפש כבוד ושררה במקומות אלו, ומדחי אל דחי שינה את לבושו, עד שחבש על ראשו רק כיפה קטנה כשיעור כזית, את שערות ראשו גידל תלתלים, לדאבון קרוביו התרחק מהיהדות יותר ויותר, אולם עם כל זה עדיין שמר תורה ומצוות, ועדיין היה בבית הוריו בשלחן השבת, וכן שמר על כשרות כמו שחינכוהו הוריו.

גם כשנכנס יותר בתוך הלימודים שם, לא אחזו רגשי חרטה של צער על נשמתו שהתרחקה מבוראה, רוחו היה אמיץ בקרבו שהוא צודק בהתנהגותו עד שכבר התרגל למעשיו השפלים, התנחם בזה שחבוש בציצית וכיפה קטנה על ראשו, כמובן חבריו שלמדו אתו בישיבה גדולה התרחקו ממנו יותר ויותר.

אביו ר' חיים היה מלא דאגה ופחד, מה יהיה גורל בנו יעקב, אחר שחבריו שהיו להם ג"כ לדאבונם בנים כאלו התנכרו ונישאו רח"ל לגויים וילדו ילדים גוים גמורים, גם לבנו כשהציע לפניו שידוכים דחה הכל על הסף, ודאג מי יודע עם מי בדעתו להינשא, האב ר' חיים הרבה להפציר בתפילות להשי"ת שישארו לו צאצאים יהודים.

בחודש ניסן תשס"ה, חבירו של ר' חיים ושמו ר' גבריאל הגיע משווייץ לרגל עסקיו בניו יורק, ונפגש אתו, ובתוך הדברים סיפר לו על זכרונות נעוריו מקדם, שנולד לפני המלחמה בעיר טאהש בהונגריה, ואביו ספג שם תורה וחסידות כשהסתופף שם בצל הסב"ק זי"ע, בגעגועים עזים סיפר את זכרונותיו על ימי נעוריו, את אותם ימי הוד קדומים שנשארו עדיין חקוקים בעצמותיו, והוסיף שגם היום ממשיך בקשר עם חצר הקודש טאהש, מפעם לפעם בעת צרה מתקשר עם נכדו הצדיק הרבי, שאתו אז הלך בנערותו ביחד לחדר, ומזכיר את עצמו לפניו.

והמשיך ר' גבריאל לספר לו, הנה עכשיו נודע לי שהולכים לחגוג חנוכת הבית של בית המדרש טאהש בקרית יואל, ורבינו יגיע להשתתף במעמד, ובכן מתעורר בו עכשיו רגשי קודש זכרונות של ההייליגע טישן שזכה לחסות עוד בצל זקינו הסב"ק זי"ע, ועלה ברצונו להשתתף לקחת חבל באותו מעמד.

עוד הוסיף ר' גבריאל שהוא חייב באופן פרטי להכיר טובה ולספר לרבי על הישועה שפעל עבורו, ומוציא מכיסו תמונות מנכדיו התאומים שנולדו לו עתה לבתו למז"ט, אחר שנפקדה הרבה שנים אחר חתונתה, וישועה זו פעל אצל הרבי: היה זה כשהזכרתי את עצמי הזכרתי גם את בתי הזקוקה לישועה, ואז אמר לי שתקבל עליה לשמור על טהרת המשפחה ותיוושע בקרוב, אכןלאחר שנה נושעה בתי וילדה תאומים. ולכן לרגל השמחה בדעתו לנסוע לרבי ולכך הגיע לניו יורק.

כששמע ר' חיים את גודל כוחו של הצדיק, השתומם והתמלא לבו בתשוקה הלואי שגם בנו יעקב יזכה ויסכים לבוא לראות בעיניו את פני רבינו, שישפיע עליו לחזור בתשובה, ומיד החליט להציעו לבוא להשתתף במעמד, תחלה לא הסכים, אבל להרצות את אביו שהפציר בו כל כך שיבוא, נעתר לבוא. וכך יצאו הקבוצה לדרך לקרית יואל.

על הדרך הרבה ר' גבריאל שנית לספר ממיטב זכרונותיו מהעיר טאהש בהונגריה, שם הסתופף אצל הצדיק, ועל ישועת בתו שהתחילה לנהל בית נאמן בישראל עם הולדת התאומים, וכך התעוררו כולם כאחד מה יפה חלקם עתה להגיע להסתופף בצל הקודש.

כשהגיעו לקרית יואל כבר אחזו באמצע המעמד הגדול בראשות רבינו, בין החליפות השחורות של חסידי טאהש שעמדו בדביקות ושרו ניגוני התעוררות, בלטו אותם אנשים עם כיסויים הצבעונים, ובבחור יעקב התעורר הניצוץ היהודי שבקרבו לראות האור ולהכיר שיש בעולם אנשים שחייהם חיים אמיתיים, מרגישים טעם נצחי ותענוג רוחני.

במהלך המעמד אחז את ר' גבריאל סערת התרגשות והתפעלות, שזכה שרבינו מנהיג ישראל המפאר את המעמד זכה הוא שהיה לו כחבר נעורים, ובעת חלוקת השיריים, עלו רגשותיו על גדותיו והוא ניגש לרבינו ואמר, אוי פיישל נעשית רבי גדול כזה. הגבאים רצו להרחיקו, אבל רבינו תיכף הכירו ובצורתו הבהירה האיר לו פנים ושימח אתו, ונתן לו שיריים, והזמינו להיכנס אצלו אחר המעמד יחד עם הנלוים אליו.

אכן בכניסתו לקו"פ, הראה לרבינו את התמונות מנכדיו שנולדו בזכות הבטחתו לרבינו, והוסיף שבתו קיבלה על עצמה את יסודות הבית היהודי, רבינו שמח לשמוע ובירך ברכותיו, ובהמשך הציג לפני רבינו את אורחיו הנלוים אליו, רבינו בעיניו הבהירים שהקרין אהבת ישראל שיקד בו, הסביר להם פנים יפות ועברו מלפניו לקבל שלום וברכת קדשו ממנו.

הב' יעקב ניצב בסוף השורה, אחר שראה את המעמד הנשגב, היה לו חשק לקבל ברכה מרבינו והושיט את ידו, אבל בשונה משאר חביריו, רבינו לא הושיט לו ידו, ואמר לו: יש לך כיפה קטנה איני יכול לברך אותך כך. ר'גבריאל תמה על המחזה, במה יעקב שונה מהקבוצה שלא ביקשם בקשה זו. מיד לקח המשב"ק את כיפתו הגדולה והניחו על ראשו של יעקב, במקום כיפת הכזית, ואז בירכו רבינו והציץ בתוך עיניו ופקד עליו ואמר: יעקב לא תחלוץ עוד את הכיפה שחבוש על ראשך.

יעקב לא עיכל את הפקודה, גם אביו ר' חיים שעמד בצידו ניסה להסביר לרבינו שהוא עובד במשך כל השבוע בין הגוים, והם ילעגו עליו מכיפה גדולה כזו, אך רבינו לא השגיח בטענתו. ושוב קרא לו ואמר לו בפקודה חריפה כאשר מצביע עם אצבעו, יעקב,זאלסט זיך

## בארות הלוי

נחמן בר יצחק, שרב הנחמן עתיד להיות גנב, ואמו פחדה מאוד מזה, לכן אמרה לבנה רב נחמן, כסה את ראשך כדי שיהיה לך יראת שמים, ובזה ניצל מכח היצר, וסיפרו שם בגמ' כי פעם נפל הכיסוי מעל ראשו, ובאותו רגע התלבש בו היצר הרע, ועלה לראש עץ של אחרים כדי לגנוב ולאכול אשכול תמרים.

הרי לנו שאין דבר זה טפל כל כך כפי שנראה בעיני העולם, ואם חז"ל אמרו לנו על האמורא הק' רב נחמן, שרק על ידי עצה זו נמשך עליו יראת שמים, ורק על ידי זה ניצל מכח היצר הרע, כל שכן וכל שכן בדור הזה, אשר כוחות היצר הרע ממלאים את כל חלל העולם, וודאי שצריכים להיזהר ביתר שאת, כי שמירה זו מצילה את היצר מכוחות הקליפות ומכניס בלבו יראה ופחד מלפגום ולחטוא נגד כבודו יתברך, ולכן מתגבר היצר הרע על זה כל כך ומפתה את לבות בני אדם להתרשל בזה, כי בזה מצא לו היצר הרע דרך ושביל לתפוס את לבות הקטנים להביאם לידי חטא ר"ל, ומי שיכולת בידו לתקן זאת ולפרסם זאת, יראה לעסוק בזה בכל מה דאפשר (דבר"ק ח"א עמ' לד).

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א הזכיר בדברות קודש לילדי הת"ת בזה"ל: רבינו הקדוש זצוק"ל האט אלעמאל געבעטן, 'טייערע קינדערלעך עטס זאלטס זעהן די קאפעלעך זאלן זיין גרויסע קאפעלעך, עס זאל זיין פארדעקט די מח, די גאנצע וואס עטס הארעוועט, מען לערנט, מען דאווענט, מען זאגט אמן יהא שמה רבא, און עס איז מיט יראת שמים גייט עס גראד ארויף', ע"כ.

נישט דערוואגן צו אויסטון דעם קאפעל [יעקב, שלא תעיז להוריד את הכיפה].

הנוכחים שעמדו שם נדהמו מפקודתו החזקה לדרוש תביעה בתקיפות כזה מבחור שגדל בסביבה רחוקה, איך הוא מסוגל להתלבש שם יום יום בלבוש מוזר בעיניהם, שיראה כשוטה.

מיד בישבם בתוך הקאר [-המכונית] רצה יעקב להשליך הכיפה מראשו, אבל מיד הרגיש רעדה, עיניו של רבינו ופקודתו הנחרצת שאסר עליו לחלצו עמד מול פניו כאילו לא מניחו לעשות צעד זה בשום אופן, מחשבותיו הציפהו והלא הבזיונות יהיו בלתי נסבלים, גם אין זה מסדר העולם לצוות אדם בצווי כזה, אבל למעשה לא היה מסוגל להורידו מראשו, גם ר' גבריאל התערב ואמר לו, גם אני הייתי מתבייש לחבוש יארלמוקע גדולה, אבל יותר הייתי מפחד לא לציית לצדיק זה, הבט נא, בתי נושעה, גם אתה אם תציית תיוושע.

בכניסתו הראשונה של יעקב למקום עבודתו, התגבר על מחשבותיו ומצא שם רק את העובדי נקיון במקום, לאט לאט נרגע מהמחשבה מי יודע מה יאמרו עליו, והחליט לעצמו הרי כל אחד עושה מה שהוא חפץ במלבושיו ללבוש כרצונו, גם אני מחליט איך אני ילבוש, כשנשאל מחברים מה קרה אתו, השתמט מלענות עד שהתרגלו לזה.

אמנם כשנכנס לקנות אוכל כדרכו באיזה חנות, לא הרגיש בנוח לאכול בלי כשרות הראוי, בהיותו לבוש בכובע כזה, וכך התגברה עליו הבושה להפסיק מלאכול שם במקום כזה שמוכרים שם לא כשר. כך השפיע עליו לבושו החיצוני והכיפה הגדולה שחבש על ראשו, יותר ויותר לעזוב את מעשיו הרעים, גם מצד סביבתו חל שינוי, חברי המקום שם נתנו לו להרגיש שהוא כאילו הוא 'ראביי' ואינו מעורב ביניהם, בתחילה הצטער על הקשר שהתרופף לו עמם, אבל לאחר כמה שבועות התרגל לזה. עד שעם הזמן הורגש אצלו רושם ששערותיו הגדולות לא מתאים עם כיפתו הגדולה, וכל כמה שניסה לחזור מהשינויים שלו, כשנזכר במבטו ובהוראתו הברורה של רבינו נסוג אחור ואדרבה עלה ונתעלה.

באחד הימים החליט להביא את האוכל באולם, הוא ניגש לאחד הארונות הגדושים בחוברות ושם מצא משניות קטן והוציאו כדי להגות בו, לאחר שמעולם מזמן כניסתו לבנין זה לא הסתכל בשום ספר של תורה.

יום אחד הבחין ביהודי אחד שמסתובב שם שעוקב אחריו וראה שהתחיל ללמוד משניות, עד שנפגשו יחדיו, הלה שאל את יעקב אם הוא חרדי, כי הוא רואה שהוא לבוש עם יארמילקע גדולה כזה, ודרוש לזה לב אמיץ להסתובב במקום כזה עם לבוש זה.

תחלה ניסה להשתמט, אבל לא הניחו וחקרו עוד ועוד, אם יש לו איזה סדר בלימוד שיעורים, ובמה מתפרנס, כשהסתיימה השיחה התמלא יעקב דאגה מי יודע מה הוא רוצה ממנו, אם לא לפטר אותי ממקום הזה, וכבר אחזו רגשי חרטהמדוע התערב כאן הרבי וכפאו בלבוש כזה.

אמנם אחר תקופה קצרה הבין פשר הדבר, הלה בא שוב ליעקב וגילה לו שאחותו התרחקה מיהדותה, גם היא כמוהו למדה וחקרה במקום זה, ולאחרונה החליטה לשוב בתשובה והתקרבה ליהדות ואינה רוצה לשמוע על שידוך רק מחתן חרדי, והיתכן, וכי איזה בחור חרדי שלמד בישיבה יסכים לקחת נערה כזו שלמדה במקומות כאלו, וכאן הנני רואה אותך חבוש עם כיפה גדולה כזה, מתקרב לתורה וליהדות, אמרתי ללבי זה זיוג הגון, ולכן החלטתי מקודם לדבר אתך, וכעת אני רוצה להיות שדכן ולהציע לך את השידוך.

הבחור יעקב הוכרח להודות לו שבאמת לא יודע אם לפני כמה חדשים היה הולך על הצעה כזו, להתארס עם כלה שיש לה שאיפות להתעלות לבית חרדי, אבל מאותו זמן שהתחיל לחבוש את הכיפה הגדולה נעשה אצלו שינוי דרך וחושק להתעלות קצת עד שהיה מסוגל להינשא לכלה כזו.

כמובן כשנודע לאביו ר' חיים את דבר השידוך לא ידע מה לעשות לגודל שמחת לבו, כי בנו הולך לבנות בית חרדי עם רצונות כאלו. אז ראו כמה חזה עיניו הק' של רבינו מרחוק להחזיר נשמה תועה ע"י כיפה רחבה שמשפיעה יראת שמים.


ט

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
מהרה ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון ♦ וקול שמחה ♦ קול חתן ♦ וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו בזה להזמין את קרובינו וידידינו
לבוא ולהשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**שרגא פייוויל מנחם** נ"י
עב"ג
הכלה המהוללה
**יהודית אדל** תחי'
שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
יום ב' פרשת שופטים
כ"ז אב תשפ"ו לפ"ק
ולמספרם AUGUST 10

קבלת פנים בשעה 6:30 | החופה בשעה 7:30

באולם ווילאחאוויץ
230 MAPLE AVENUE, MONSEY, NEW YORK

וה' הטוב ישפיע שמחות גם במעונכם

הורי החתן
איתמר טייטלבוים
מרים ברכה טייטלבוים

הורי הכלה
שלמה זלמן קרישבסקי
ורעיתו

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

המחותנים

ארײנצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענטשן
840

# אבותינו ספרו לנו

זכרונות ועובדות מאנשי שלומינו בצל קדשו של רביה"ק ז"ע

## הרה"צ רבי יעקב ראזענבוים שליט"א
## אדמו"ר מ'זוטשקא-קראקאס
(ח"ב)

### "יאנקעלע, קום מיט מיר..."

דער רבי האט געהאט א שטארקן שייכות מיט די בחורים. ער האט געקענט יעדן בחור דורך און דורך, ער האט געקענט יעדן בחור אויפ'ן נאמען, און האט פונקטליך מיטגעהאלטן וואס עס האט זיך געטון אין ישיבה. במשך די וואך פלעגט דער רבי אפטמאל אריינקומען ווען די בחורים האבן געדאווענט מנחה און זיך ארומדרייען און אומקוקן אויף די בחורים, אויך געדענק איך אז דער רבי איז כמה פעמים געבליבן צום סוף מנחה כדי מיטצוזאגן תחנון, וויבאלד די ישיבה האט אלעמאל געזאגט תחנון ביי מנחה, כאטש דער רבי אליין האט אין זיין מנין נישט געזאגט קיין תחנון, וויבאלד ס'האט נישט געשטומט מיט זיין סדר היום.

נאכדעם פלעגט דער רבי אסאך מאל אריינקומען סתם אזוי אינמיטן לערנען, אמאל האט ער זיך אפגעשטעלט ביי אפאר בחורים איבערשמועסן און מפלפל זיין אינעם שיעור, וכדומה. פון צייט צו צייט פלעגט דער רבי קומען פארהערן די בחורים אויף די לימודים וואס מען האט געלערנט.

ס'איז געווען א שטיק צייט וואס עס איז געווען שווער מיט עסן. ס'איז נישט געווען קיין געלט, און מען האט געקראצט פון דא און פון דארט. דאס איז געווען נאך פאר מיין בר מצוה, איין טאג, איז די רביצין ע"ה, זי האט זייער רחמנות געהאט אויף די בחורים, איז זי אריבערגעקומען אין ישיבה, און האט פערזענליך געזארגט צוצושטעלן אלעס וואס מען דארף אז יעדער זאל האבן די מחסורו.

איין טאג, ווען די רביצין האט זיך געדרייט אין קאך, האב איך א זאג געגעבן אז די זופ האט אזא טעם ווי ס'קומט פון סעספאו"ל. די רביצין האט דאס געהערט, און צו מיין מזל איז פונקט דער רבי אראפגעקומען.

נאכ'ן דאווענען פלעגט דער רבי דורכגיין דעם עס-זאל זען וואס דארט טוט זיך, און די רביצין האט געגעבן א זאג פאר'ן רבי'ן אז הינדל'ס זון האט געזאגט אז די זופ האט א טעם פון סעספאו"ל...

איך האב געהאט א ספעציעלע קירבה, זייענדיג א נאנטער קרוב מיט'ן רבי'ן. אבער דאס האט פשוט געמיינט אז דער רבי פלעגט מיר אסאך מאל געבן א פסק, און דער רבי פלעגט אנהייבן דעם שמועס אז "אזוי האלט איך נישט אזויפיל פאר, אבער דו ביסט דאך א קרוב...

אזוי אויך איז געווען דער סדר אז שבת בייטאג פלעגט דעם רבי'נס זון הרה"צ רבי מרדכי זצ"ל רופן בחורים, יעדע וואך אנדערע בחורים, צו קומען עסן די סעודה שבת אינדערפרי ביים רבי'ן אינדערהיים. און איך, אלס קרוב, האב געמוזט גיין יעדע וואך. טאמער בין איך אמאל נישט געקומען האט מיר דער רבי פארגעהאלטן וואו איך בין געווען...

עכ"פ דעמאלטס איז דער רבי צוגעקומען צו מיר מיט זיין זיסן שמייכל, און ער האט מיר געזאגט "יענקעלע, קום מיט מיר". ער האט מיר אהיימגעטראגן צו זיך אהיים, און געהייסן זיך וואשן, מ'האט מיר געמאכט אן אייער-שפייז, און דער רבי בכבודו ובעצמו האט געמאכט זיכר אז איך זאל נישט הונגעריג בלייבן...

אזוי האט זיך דער הייליגע רבי אפגעגעבן מיט די תלמידים כבנים, מיט אזא פאטערליכקייט כאב הרחמן, און אויפגעבויט די בחורים ברוחניות ובגשמיות.

### "ווען איינער קומט אהער און זעט מיינע טעלערס..."

נאך א מעשה וואס איך געדענק ווען איך האב געהאט אזא געפיל, איז געווען ראש חודש תמוז, דער יארצייט פון זקיני הרה"ק רבי מאיר'ל מ'קרעטשניף זצ"ל. יענעם טאג האב איך געדאווענט מיט'ן רבי'נס מנין, און שפעטער, אינמיטן דעם ראש חודש טיש, האט דער רבי געזאגט, "אוי, דו האסט געהאט יארצייט נאך א זיידן, איך האב דיר נישט געגעבן קיין עלי'. ס'שטייט דאך אז "הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל", איז אן עליה אויך אין דעם כלל. ס'איז געווען אמאל איינער וואס פלעגט אלעמאל באקומען אן עלי', אבער איינמאל טאקע ווען ער האט געדארפט עולה זיין, האט מען פארגעסן צו געבן, האט ער זיך איבערצייגט אז אן עלי' איז אויך תלוי במזל".

און דער רבי האט אויסגעפירט "איך האב פארגעסן אים צו געבן אן עלי', ממילא גייט ער באקומען דאס בענטשן..." און אזוי איז טאקע געווען, אז אלס יונגער בחור האב איך באקומען בענטשן ביים ר"ח טיש.

ביי יענעם ראש חודש האט דער רבי געזאגט בדרך צחות אז ס'ווערט געברענגט פון הרה"ק בעל מאור ושמש זי"ע, וואס זיין יארצייט געפאלט אין יענע טעג, אז ווען א איד גייט צו א רבי'ן און ער קוקט צו די מדריגות פון דעם צדיק, זעט ער אז ער האלט נאך ביי גארנישט. האט דער רבי אויסגעפירט "ווען איינער קומט אהער און ער זעט מיינע טעלערס עסן", מען פלעגט געבן כנוהג ביים רבי'ן גאר גרויסע ריזיגע טעלערס מיט די מאכלים, "זעט ער אז ער (ווען ער עסט) האלט נאך ביי גארנישט..."

### דאווענען מיט'ן רבי'ן

יענעם זומער האט מען אונז געלאזט יעדן טאג נאך נאכטמאל שפילן ווילאנג מ'האט געוואלט. מיר האבן גוט אויסגענוצט

אויב האט איר א מעשה צו פארציילן פון רבינו הקדוש זיעועכ"א
אדער איר ווייסט פון א מענטש וואס האט צו פארציילן
ביטע לאזט א מעסידש אויף קול איחוד טאהש
718-451-8674 און דרוקט 842

דעם זומער. מען האט פיין פארברענגט, מ'האט געשפילט באהאלטן אין די הויכע גראזן ארום די ישיבה וואס מ'האט זיך געקענט אראפלייגן און מ'האט געקענט זוכן איינער דעם צווייטן, און נאכדעם האט מען געדאווענט מנחה מעריב מיט'ן רבי'ן, ס'איז געווען מיט א מורא'דיגע מתיקות וואס עס ליגט מיר נאך אין די ביינער.

פרייטאג פלעגט דער רבי ארומגיין אין די שטובער מאכן זיכער אז דער עולם לייגט זיך אראפ לכבוד שבת און מ'זאל נישט סתם ארומשמועסן. אגב, ס'איז געווען א אנגענומענע זאך צווישן די בחורים נישט צו רעדן שבת קיין דברים בטלים. מען האט נישט גערעדט דערפון אסאך, אבער עס איז געווען א דבר פשוט ביי יעדן חסידיש'ן בחור.

די נוסח התפלה איז געווען מיט'ן טאהשער נוסח. מ'האט געזוכט איינער וואס דאווענט הויך צוצוגיין צום עמוד, איך בין זייער אסאך מאל געווען דער בעל תפילה, היות איך האב געהאט א הויכן קול. אלס נאדבורנא'ער אייניקל האב איך צומאל געדאווענט אויפ'ן נאדבורנא'ער נוסח. איינמאל האט מיר דער רבי געזאגט אז דער זיידע הרה"ק רבי מרדכי זצ"ל האט געזאגט אז ווען משיח וועט קומען וועט מען געוואהר ווערן אז דער נאדבורנא'ער נוסח איז דער שענסטער נוסח, אבער ער האט מיר געבעטן אז דא אין ישיבה איז כדאי צו דאווענען אויפ'ן טאהשער נוסח.

רעדנדיג פון דעם נוסח, געדענק איך אז איינמאל איז איינער צוגעגאנגען צום עמוד שבת אינדערפרי, און ער האט געדאווענט אויף די וועלט'ס נוסח. נאכ'ן דאווענען האט אים דער רבי געפרעגט "פון וואו קענסטו דעם נוסח? וואו קומט צו דיר דער וועלט'ס נוסח?..."

שלש סעודות פלעגט אין די ערשטע יארן נישט זיין ווי מען זינגט היינט. דעם טאהש'ער נוסח האט זיך אנגעהויבן ערשט אין שנת תשל"ד לפ"ק אין בארא פארק. דער רבי פלעגט פארן יעדעס יאר איין שבת אויף וויליאמסבורג און איין שבת אויף בארא פארק. אין וויליאמסבורג פלעגט ער פירן אין צעהלים'ער ביהמ"ד, און שפעטער האט ער געפירט אין די "פי עס 16" פאבליק סקול. אין בארא פארק האט ער געפירט אין בית יעקב זאל. איין יאר איז געווען א גרויסער ציבור, טאקע פון היימישע טאהש'ער אידן, און ביי שלש סעודות האט דער רבי אנגעהויבן מיט די טאהשער נוסח, און פון דעמאלטס אן האט מען געזאגט די טאהשער נוסח.

אגב, דעמאלטס איז דער רבי נאך געגאנגען נאר מיט א שווארצע בעקיטשע, ערשט אום כ"ח סיון תשל"ו יומא דהילולא פונעם הייליג'ן שרף זי"ע, יענעם יאר איז עס געפאלן אויף א שבת, און צו תהלים שבת אינדערפרי האט דער רבי אנגעטון א ווייסע טיש בעקיטשע מיט סטראקעס, און פון דעמאלטס איז ער שוין געבליבן מיט דעם.

## ווי איך האב ליב דעם ביר...

די תפילות האבן נישט געהאט קיין באשטימטע צייטן. אמאל האט דער רבי געדאווענט שחרית-מנחה-מעריב צוזאמען, אמאל האט ער געדאווענט שחרית און מנחה צוזאמען ארום חצות צייט. די בחורים האבן נישט געגעסן פאר'ן דאווענען, נאך שחרית פלעגט מען ברענגען א גאנצע טאץ מיט קיפעלעך כדי זיי זאלן זיך קענען דערכאפן דאס הארץ.

איך געדענק אז אסאך מאל פלעגט דער רבי האלטן א דרשה פאר מנחה ממש אזוי ווי א שלש סעודות תורה, אבער צוזאמענגעפלאכטן מיט די מעשיות פון מוצאי שבת, און מ'פלעגט אזוי פארברענגען. ס'האט געקענט דויערן א האלבע שעה, דריי פערטל שעה, ס'איז געווען מיט א מורא'דיגע מתיקות, אלעס איז געווען נאטורליך און היימיש.

נאך מעריב פלעגט דער רבי אויספאסטן אויף א גלאז ביר און א גלאז מייערן דזשוס. אמאל האט עפעס א בחור'ל געגעבן א זאג, איך געדענק נישט פונקטליך דעם לשון, א ווארט וועגן דעם רבי'נס טרונקען ביר, האט אים דער רבי געזאגט "אז דו ווערסט אזוי ליב האבן צו זינדיגן ווי איך האב ליב דעם ביר, וואלסטו קיינמאל נישט געזינדיגט..." דער רבי האט עס געטרונקען צו באקומען כח.

## חמין בשבת

אסאך מאל האט זיך געמאכט אז איך האב געהאט די זכי' צו משמש זיין דעם רבי'ן, און איך האב אריינגעברענגט דעם רבינ'ס עסן ביי די טישן במשך שבת. דער רבי האט מורא'דיג מקפיד געווען אז דאס עסן שבת קודש זאל זיין הייס, וואס הייסער עס איז געווען, אלס חשוב'ער איז עס געווען.

אז עס האט זיך געמאכט אז ס'האט זיך אויסגעלאשן די אייוועלע, און די זופ איז נישט געווען גענוג הייס, האט דער רבי געהאט מורא'דיגע עגמת נפש פון דעם. אינטערעסאנט צוצלייגן אז דער רבי האט אויך זייער געוואלט אז די מקוה פרייטאג זאל זיין זייער הייס.

## ס'איז געזונטער אז מ'רעדט נישט פון מיר

די שלש סעודות תורה איז געווען מורא'דיג. מ'איז געשטאנען קעפ אויף קעפ. איך האב געהאט מיין מנהג אז איך פלעג אונטערקריכן אונטער'ן טיש. ס'איז געווען זייער שווער צו צוזאמשטעלן וואס דער רבי זאגט, אבער וויפיל מ'האט געהערט איז געווען כמוצא שלל רב. אויף די תורה האט מען געזאגט דאס איז 'תשובה מיראה', און די מעשיות שפעטער נאך הבדלה איז געווען 'תשובה מאהבה', ווי דער רבי האט פארציילט מיט זיין זיסן שמייכל. דער רבי האט אייביג אויסגעפירט פאר די בחורים וואס מ'זאל זיך אראפלערנען פון די מעשיות. איך האב געהאט די חזקה צו זאגן פאר'ן רבי'ן וועלכע יארצייטן עס פאלט אין די קומענדיגע וואך, און אויף דעם ארויף פלעגט דער רבי דערציילן.

איינמאל מוצאי שבת, שפעטער נאך מלוה מלכה, האבן מיר געשמועסט אין ביהמ"ד, א גאנצע גרופע בחורים, מופתים פונעם רבי'ן. אינמיטן איז דער רבי ארויסגעקומען פון זיין שטוב אהיימצוגיין, און כדרכו איז ער אריבער דעם בית המדרש, און ער האט געזען ווי אונז שמועסן דארט. דער רבי איז צוגעקומען און געפרעגט "פון וואס שמועסט מען?" מיר האבן געשמייכלט און נישט געענטפערט. האט זיך דער רבי געגעבן א רוף אן "ס'איז געזונטער אז מ'רעדט נישט פון מיר..."

## דער שטעטל אין יענע יארן

אין שטעטל האבן דעמאלטס געוואוינט עטליכע אין צוואנציג תושבים. ס'איז געווען די "אכצן הייזער" וואס מ'האט געבויעט, אבער דעמאלטס האט דער רבי בשום אופן נישט געוואלט לאזן ווייטער בויען הייזער, ער האט געזאגט אז ער האט געבויעט נאר א שטעטל פאר בחורים וואס זאלן לערנען פלייסיג אפגעטיילט פון די וועלט.

מ'האט זייער שווער געארבעט אז דער רבי זאל מסכים זיין אז מ'זאל בויען ווייטער הייזער. איינמאל דער רבי האט מסכים געווען, האט מען געבויט די הייזער, די 89 דירות בשנת תשל"ו. עס זענען געווען אזעלכע וואס האבן געטשעפעט אז מ'וועט

מוזן ברענגען שווארצע גוים פון ניו יארק אז זיי זאלן דארט ארײנמופן... אבער פון ווען מ'האט דאס געבויט, ביז'ן היינטיגן טאג, איז קיינמאל נישט דא געווען דירות אין שטעטל, קיין עין הרע.

הרה"ח ר' ליפא ווייס ע"ה האט געהאט א 'גראסערי'. אנהייב איז עס געווען נעבן די קאן אין ישיבה, דארט האט ער געהאט א פרידזשידער מיט עטליכע שענק, ויקרא שמו "גראסערי". שפעטער האט מען צוזאמגעשטעלט טרעילערס און געמאכט א גראסערי.

## דרך צדיקים

אין טאהש איז דעמאלטס געווען בלויז דריי "קארס", און ווען מען האט געדארפט ארײנפארן אין שטאט מאנטריאל, האט מען פרובירט צו כאפן א היטש מיט איינע פון די דריי קארס.

איך בין אמאל מיטגעפארן ווען דער רבי איז געפארן אין שטאט מיט הרה"ח ר' בנימין זאב זוסמאן ע"ה. דער רבי האט פונקטליך געוויזן וויאזוי מען זאל פארן, וועלכע וועג מען זאל פארן, מען זאל פארן דורך די "דע-קערי" גאס אין מאנטריאל, און אזוי ווייטער, דער רבי האט זיך גוט אויסגעקענט אין די אלע וועגן און שטעגן.

איינמאל איז דער רבי געפארן אויף הייוועי נומ. 13. ביז דאן איז נאר געווען דער 15, ערגעץ אין די למ"ד יארן האט מען געענדיגט די 13. איך בין געווען אין די קאר ווען דער רבי איז צום ערשטן מאל געפארן אויפן 13, האט ער זיך דעמאלטס אפגערעדט אז די הייוועי איז נישט קיין גוטע הייוועי. דער רבי האט אזוי געזאגט "ערשטנס האבן זיי אנשטאט "אספאלט" גענוצט צעמענט וואס דאס מאכט אז די קאר זאל מער שפרינגען, און נאכדעם איז עס צו א גלייכער וועג און מ'קען איינשלאפן אינמיטן פארן..." עס איז אונז געווען אינטערעסאנט ווי ווייט דער רבי איז געווען באקאנט מיט יעדע זאך.

## ימים טובים בצל הקודש

### חמשה עשר בשבט

חמשה עשר בשבט האט דער רבי געפירט א גרויסע טיש אין עס-זאל, חוץ די שיריים וואס דער רבי האט געטיילט, האט מען אויסגעטיילט פעקלעך פון פרוכט, אין דעם האט מען אזוי ארײנגעלייגט א פסוק, און מען האט עס אויסגעטיילט פאר די בחורים, עס האט זיך אזוי אויסגעשטעלט אז יעדער האט באקומען דעם צוגעפאסטן פסוק... ביז שפעטער האט מען דאס מבטל געווען, ווייל ס'איז געווען בחורים וואס האבן זיך באליידיגט דערפון.

### פורים

פורים פלעגט דער רבי אנהייבן די טיש אינדערהיים, אין די חדר פרטי. אלע בחורים האבן זיך ארײנגעקוועטשט דארט, עס זענען דארט געווען די עלטערע אידן און דער רבי האט געפירט פורים בייטאג די טיש. שפעטער האט מען צוגעבויעט די סוכה, האט דער רבי דארט געפירט.

שושן פורים פלעגט מען יעדעס יאר מאכן א גרויסן שפיל. דער ביהמ"ד האט נאכנישט געהאט קיין ווייבער שול, איז געווען א הויכע מחיצה האבן זיך די פרויען ארויפגעשטעלט אויף די ספרים שאנק, און אזוי האט מען געקענט מיטהאלטן. איין יאר האט זיך דער ספרים שאפע איבערגעדרייט און עס איז ארויפגעפאלן אויף מענטשן, האט מען אנגעהויבן מאכן קולות אז מען זאל קומען העלפן, ס'איז דאך נאכנישט געווען קיין הצלה. די בחורים זענען געלאפן העלפן צוריקשטעלן אלעס.

דער רבי האט געהערט די קולות האט ער געפרעגט "וואס איז געשען? וואס איז געשען?" האט מען אים געזאגט אז ב"ה ס'איז גארנישט געשען. ס'איז נאר אראפגעפאלן די ספרים שאפע און עס איז קיינעם גארנישט געשען.

מ'האט שוין געהאט פון פריער באמערקט אז דער רבי איז זייער אומרואיג. איך בין געשטאנען זייער נאנט צום רבי'ן, און איך האב געהערט ווי דער רבי רופט זיך אן צו רבי יצחק שטערן "איך האב געזאגט קרבנות היינט, ס'איז עפעס נישט גוט געגאנגען. איך האב זייער מורא געהאט, וואס גייט זיין? ברוך השם, ברוך השם אז ס'איז גארנישט געשען..."

### ל"ג בעומר

ל"ג בעומר פלעגט מען מאכן א גרויסע הדלקה. מ'פלעגט אפהאקן א ריזיגן בוים פון וואלד, און מ'האט עס געקוילערט ביז'ן פלאץ ווי מען האט געמאכט די הדלקה. אין יענע יארן האט דער רבי געצינדן די הדלקה, און עס איז געווען זייער א שיינער מעמד. עס פלעגן ארויסקומען אידן פון מאנטריאל, ארײנגערעכנט רבנים, ווי הרה"צ מ'טאב מאנטריאל זצ"ל און הגה"צ רבי שמואל אלכסנדר אונסדארפער זצ"ל אב"ד ראשית חכמה. שפעטער האט זיך דאך אויפגעהערט די הדלקה ווען מ'איז געגאנגען זאגן פאר'ן רבי'ן אז געוויסע ווארפן אריין פארשידענע ספרים וואס מיט זיי האבן געפירט א מערכה, און עס האט זייער געשטערט דעם רבי'ן, ממילא האט ער אפגעשטעלט די גאנצע זאך.

### שבועות

שבועות האט מען געהאקט ביימער ביי די וואלד נעבן דעם בית החיים, און ארײנגעברענגט אין בית המדרש, ביי יעדע זויל אין ביהמ"ד האט מען געלייגט א בוים.

### בין הזמנים

אין בין הזמנים פון תשרי, ווען איך בין נישט אהיימגעפארן, האב איך געדאווענט מיט'ן רבי'ן גאנץ בין הזמנים. מ'האט זיך געבויעט סוכה'לעך וואו צו שלאפן, דאס איז געווען מעין עולם הבא, דער רבי האט זייער געשמאק פארברענגט מיט די בחורים, ער האט געשמועסט און מדריך געווען ווי א ליבליכער טאטע, און מען האט געשפירט די קדושת הזמנים.

## כאשר ישאל איש בדבר האלקים

איך פלעג ארײנגיין צום רבי'ן פרעגן אויף יעדן דבר קטן וגדול. איך פלעג אסאך ארײנגיין צום רבי'ן מיט מיינע שאלות אין אידישקייט נושאים, ווי לערנען א.ד.ג. און ער האט מיר אלץ מוסר געזאגט. דער רבי האט געהייסן לערנען פארשידענע ספרים, ווי צום ביישפיל מאור עינים, און ער האט מיר אויך אנגעזאגט צו זאגן יעדן טאג דעם "צעטל קטן" פונעם הייליג'ן רבי ר' אלימלך זי"ע. דאס איז אנגעגאנגען אלע יארן. איך פלעג אסאך ארײנגיין, עס איז געגאנגען אויף אזוי ווייט אז ס'איז געווען איין הויז בחור וואס ער האט מיר חושד געווען אז איך גיי אריין צום רבי'ן מסר'ן אויף בחורים, ביז איינמאל האט ער זיך באהאלטן אין צימער צו וויסן וואס איך רעד צום רבי'ן...

איך האב אויך באמערקט אז די שלש סעודות תורה וואס דער רבי פלעגט זאגן האט יעדער געקענט ארויסנעמען וואס ער האט געדארפט. איך האב אסאך מאל געשפירט ווי ער זאגט די שלש סעודות תורה פאר א יונגערמאן פול מיט הדרכה פאר יונגעלייט, אבער ווען א בחור האט עס געהערט האט ער געוואוסט אן הדרכה פאר

אים, ודברי תורה מתחלקים לע' פנים.

## איך נעם נישט קיין אחריות

ווען עס איז געקומען צו שידוכים, האט מיר דער רבי אנגעטראגן מיין שידוך מיט מו"ח הרה"ח ר' ארי' ראטענבערג ז"ל. ס'איז נישט געגאנגען אזוי גרינג, וויבאלד מיין שווער האט ערשט אנגעטון א שטריימל צו מיין חתונה, און מיין טאטע האט געזוכט א רבי'שע אייניקל מיט אלעס ארום, אבער דער רבי האט נישט נאכגעלאזט, און עס איז טאקע געווארן בשעה טובה.

אמאל איז געווען אז ביי איינע פון מיינע קינדער האט מען געהאט אנגעטראגן א שידוך וואס די נעמען האבן נישט געשטימט. ש"ב הרה"ק רבי הערש'עלע קרעטשניפער זצ"ל איז געווען אביסל אריינגעמישט אין דעם שידוך, און ער האט געשיקט זאגן פאר'ן רבי'ן אז ער נעמט אחריות אויף די נעמען, אבער דער רבי האט נישט געוואלט מסכים זיין, און ער האט מיר געזאגט "נו, ער נעמט אחריות, איז גוט, איך נעם נישט קיין אחריות", און עס איז טאקע נישט צושטאנד געקומען.

## דו טו דיינס און איך וועל טון מיינס

אלס בחור האב איך איין טאג געשפירט יסורים אינעם מאגן, מיט נאך פארשידענע אנדערע סימפטאמען אז עפעס איז נישט בסדר. איך בין געגאנגען צום רבי'ן פארציילן וואס איך האב, און דער רבי האט געהייסן הרה"ח ר' שלמה בלעקמאן הי"ו אז ער זאל מיר ערלעדיגן אן אפוינטמענט ביי א דאקטער. ר' שלמה האט מיר ערלעדיגט אן אפוינטמענט ביי א געוויסן דאקטער בלום וואס האט געהאט זיין אפיס אויף די "קאוט-דע-נעידזש" גאס אין מאנטריאל, אין א גרויסן בנין מיט נאך אסאך אנדערע דאקטוירים. איך בין געגאנגען צו דעם דאקטער בלום, ער האט געמאכט אן עקס-רעי, און ער האט מיר געגעבן די רעזולטאטן אז איך האב אן אלסער, און ער האט מיר געזאגט אז איך דארף גיין אויף א ספעציעלן דייעט.

אַ שטיק צייט פריער איז אָנגעקומען קיין טאָהש הרה"ג רבי אליעזר אייכלער ז"ל. נאך אפאר וואכן האט ער זיך אפגערעדט פאר'ן רבי'ן אז די בעטן זענען צו ווייך, און ער באקומט רוקן ווייטאג פון דעם. דער רבי האט מיך געלאזט רופן און ער האט מיר געזאגט "יענקל, הער, עס איז דא א פראבלעם דארטן, דו טויגסט, זע אז די בעטן זאלן זיין הארט". אז דער רבי הייסט, האב איך פארשאפט פליייוואוד'ס, איך האב עס צוגעשניטן, און ער האט זיך מחיה געווען. פון דעמאלטס בין איך געווארן זייער נאנט מיט רבי אליעזר.

יעצט, ווען איך בין צוריקגעקומען פונעם דאקטער, האב איך דערציילט פאר'ן רבי'ן אז דער דאקטאר זאגט אז ס'איז אן אלסער, האט מיר דער רבי געזאגט "גיי צו ר' אליעזר אייכלער, ער האט אויך אן אלסער, ער וועט דיר פונקטליך זאגן וואס צו עסן". בין איך געגאנגען, איך האב אים דערציילט, האט ער מיר געזאגט א לאנגע רשימה מיט וואס יא און וואס נישט, און איך האב אנגעהויבן אויספאלגן זיין גאנצע רשימה.

ס'איז דורכגעגאנגען פיר וואכן, בין איך געגאנגען צום רבי'ן און איך האב געזאגט אז ס'איז נישט פאר א בחור די גאנצע זאך, מ'דארף אנגרייטן עסן, נעמען דוקא דאס און דוקא יענץ, איך האב נישט קיין צייט דערצו און איך וויל אז דער רבי זאל מיר אנווינטשן אז עס זאל אוועקגיין. איך האב צוגעלייגט אז "איך ווייס אז דער רבי קען..."

דער רבי האט מיר נאכאמאל געזאגט "גיי צו שלמה בלעקמאן צו מאכן אן אפוינטמענט ביי א צווייטן דאקטאר". האב איך געזאגט "איך דארף גיין צו א דאקטאר? דער רבי זאל מיר אנווינטשן, און אזוי וועט זיין..." האט מיר דער רבי געענטפערט "דו טו דיינס, איך וועל טון מיינס. דו גיי צום דאקטער".

ר' שלמה האט מיר מסדר געווען אן אפוינטמענט ביי א צווייטן דאקטאר, און איך בין געגאנגען צו דעם דאקטער. ער איז געווען אין דעם זעלבן בנין ווי דעם אנדערן דאקטער. ער מאכט מיר אן עקס-רעי, און ער קומט צוריק זאגן - מ'רעדט דא פון פיר-פינף וואכן שפעטער - "איך ווייס נישט פון וואס דו רעדסט, איך זע נישט גארנישט. דו האסט נישט קיין אלסער, דו האסט נישט קיין שום פראבלעם".

ווען איך האב אים פארציילט אז איך בין יעצט געווען דא אפאר וואכן צוריק ביי דאקטער בלום, און ער האט מיר געמאכט אן עקס-רעי, און ער האט געזען אן אלסער - אמאל איז נישט געווען קיין קאמפיוטער, אלעס איז געווען אין פיילס, - איז ער אראפגעגאנגען צו די פייל'ס, ער ברענגט ארויף מיין פייל פון דאקטער בלום, און ער לייגט ארויף די אלטע עקס-רעיס אויף די סקרין און ער ווייזט מיר, "זעסט? דאס איז דער מאגן, און דא זעסטו אז ס'איז ווייס, דאס הייסט א לאך, דארט איז די אלסער. און דא האסטו די זעלבע זאך, און ס'איז גארנישט דא! איך קען דיר נישט זאגן וואס ס'איז געשען, אבער יעצט האסטו נישט קיין אלסער."

דער אויבערשטער זאל העלפן ווייטער ביז הונדערט און צוואנציג יאר, איך האב מער נישט געהאט קיין פראבלעמען מיט'ן מאגן. דאס איז איינס פון אסאך מעשיות אין עניני רפואה וואס איך האב געהאט מיט'ן רבי'ן.

## געלט איז נישט אלעס

ווען איך פלעג אריינגיין מיט א קוויטל, האט מען אלץ געבעטן אז דער רבי זאל אנווינטשן פרנסה, אז ס'זאל זיין געלט, פלעגט דער רבי זאגן "געלט איז נישט אלעס. ס'איז דא אנדערע זאכן וואס זענען אויך פרנסה".

אז איך דערמאן דאס, וועל איך צולייגן אז מיין זיידע הגה"צ נאנאשער רב זצ"ל האט באקומען א ברכה פון הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל מ'ראצפערט זי"ע אז ער וועט זיין אזא גרויסער עושר אז די גאנצע שטאט וועט אים מקנא זיין, אבער ער איז קיינמאל קיין עושר נישט געווארן.

ביי די קריג האט מען אפגעטיילט אלע בני משפחה איינער פונעם אנדערן, און לפלא אז נאך די קריג האבן זיי זיך צוזאמגעטראפן ואף אחד לא נעדר! ער האט תולה געווען אז דאס איז געווען די ברכה פון רבי שלום אליעזר'ל, וואס דאס איז בימים ההם געווען עפעס וואס יעדער האט טאקע מקנא געווען.

דער אויבערשטער זאל העלפן. דער רבי האט דאך אלץ אינזין געהאט יעדן איינעם. מ'האט גע'פועל'ט, מ'האט גע'פועל'ט. צי בגלוי צי בסתר, אלעמאל איז מען געהאלפן געווארן. דער אייבערשטער זאל העלפן, גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם, אז וויבאלד מ'קומט מיר אן און מען בעט זיך אויס זאל מען פועל'ן אסאך מער ווי מ'דארף, אפילו וואס מען ווייסט נישט, אין יעדע זאך זאל מען געהאלפן ווערן, און יעדער איינער זאל שוין זוכה זיין צו גיין קעגן משיח ומלכינו בראשינו במהרה בימינו אמן.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

# יעדע טאהשע חסיד שטיצט!

**דעם הייליגן רבי זי"ע'ס "קרן חתנים-לבושי מרדכי"**

שע"י ישיבה גדולה אור החיים דטאהש יצ"ו וואס העלפט ארויס הורי תלמידי ישיבתינו הק'הי"ו בעת שמחתם!



# שטיצט און געווינט!

## פאר אייער נתינה פון $54

גייט אריין צוויי מאל אינעם גורל צו
געווינען א הערליכער פראכטפולע



## "ישועה-שטריימעל"

פון די בארימטע קרויס שטריימלער

וואס איז ברייט באקאנט מיט שיינקייט
און לייכטקייט!

**פאר $36 גייט
אריין 1 מאל
אינעם גורל!**

ערווארט א טעלעפאון רוף פון תלמידי
ישיבתנו און די קומענדיגע טעג
און זייט אייך משתתף ברוח נדיבה

קרן החתנים

# דברות קודש

## שזכינו לשמוע מכ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

ריש מתיבתא קדישא

# סעודה שלישית שב"ק פר' בהעלותך

### אצל השבת לפני הילולא קדישא של רבינו השרף זי"ע

### עם תלמידי ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש - ניו יארק

ה"א

עס שטייט אין די וואכעדיגע סדרה, וידבר ה' אל משה לאמר דבר אל אהרן ואמרת אליו בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותיה כאשר צוה ה' את משה.

זאגט רש"י - בהעלותך, למה נסמכה פרשת המנורה לפרשת הנשיאים, לפי שכשראה אהרן חנוכת הנשיאים חלשה אז דעתו, עס האט אים זייער וויי געטון - שלא היה עמהם בחנוכה, אז ער איז נישט געווען דארט ביי חנוכת המשכן - לא הוא ולא שבטו, אמר לו הקב"ה, חייך שלך גדולה משלהם, איך שווער דיר אז שלך איז גודל משלהם, וויבאלד שאתה מדליק ומטיב את הנרות, און ער וועט האבן די מצוה פון הדלקת המנורה.

די ספה"ק שטעלן זיך שוין דערויף וואס עס איז דער פשט, שטייט בהעלותך את הנרות און דערויף זאגט רש"י, אז אהרן האט געהאט חלישת הדעת, צוליב וואס ער איז נישט געווען ביי חנוכת הנשיאים, האט אים דער אייבערשטער געזאגט און בארואיגט, אז דיין חלק איז גרעסער פון זייער, שאתה מדליק ומטיב את הנרות פון די מנורה.

צום ערשט דארף מען צו פארשטיין, ס'זענען דאך פארהאן מערערע מצוות אויסער די מצוה פון מדליק זיין די נרות המנורה, ס'איז דאך אויכעט דא די תמידים וואס מ'האט מקריב געווען די קרבנות בבוקר ובבין הערבים. דארף מען פארשטיין וואס עפעס די מנורה, דאס איז די זאך וואס דער אייבערשטער האט געזאגט אז דאס איז די איינציגסטע מצוה וואס חייך שלך גדולה משלהם, וואס איז עס גרעסער, וואס זעט מען דא מער ווי די אנדערע, און פארוואס האט זיך אהרן הכהן בארואיגט.

ווייטער איז דא א מדרש וואס שטייט אויף די פסוק, דבר אל אהרן ואמרת אליו בהעלותך את הנרות. זאגט די מדרש, כי אתה תאיר נרי - ווייל איך וויל זאלסט אנצינדן לעכט פאר מיר.

עס איז דא א מדרש וואס ברענגט אויף דעם, אז די אידן האבן געזאגט, "רבוש"ע אונז פארשטייען נישט, דו ביסט דאך די גאנצע ליכטיגקייט פון דער וועלט, נהורא עימיה שריא, די ליכטיגקייט ליגט דאך ביי דיר, און דו ווילסט אונז זאל מיר דיר ליכטיג מאכן? וואס איז פשט פון כי אתה תאיר נרי. האט דער אייבערשטער געזאגט, נַא, נישט די ליכטיגקייט איז וואס איך דארף, איך דארף נישט ענקער ליכטיגקייט, איך קען אליין האבן ליכטיגקייט, נאר וואס דען, איך וויל אז פון די ליכטיגקייט וואס איך שענק ענק, און איך בין ענק משפיע, פון אט די ליכטיגקייט זאלט עטס מיר געבן, פארוואס, כדי די גוים זאלן זען אז אידישע קינדער האבן הכרת הטוב און געבן צוריק פארן אייבערשטן, דער אייבערשטער האט זיי געגעבן א ליכטיגקייט, געבן זיי צוריק א ליכטיגקייט פארן אייבערשטן." אזוי איז די מדרש מבאר.

ווידער, שטייען מיר אין חודש סיון, מען האלט נאך קבלת התורה, די אידישע קינדער האבן מקבל געווען די תורה הקדושה. דער אייבערשטער האט געזאגט, אנכי ה' אלוקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים, פרעגן די ראשונים די קשיא, וואס איז די פשט אז דער אייבערשטער האט געזאגט, אנכי ה' אלקיך, איך בין דער אייבערשטער, ווער, אשר הוצאתיך מארץ מצרים, וואס איז מיין גדולה, אז איך האב ענק געראטעוועט פון לאנד מצרים, ס'איז סאך א גרעסערע גרויסקייט ווען די אייבערשטער זאגט ווען, "אשר בראתי שמים וארץ", איך האב באשאפן די וועלט! ביי בריאת שמים וארץ האט ער דאך געמאכט א יש מאין, ווידער ביי יציאת מצרים איז געווען א יש, און עס בלייבט

ווייטער א יש, נאר ס'איז געווען א גרויסע נס, ער האט משנה געווען די טבע, ער האט אונז ארויסגעצויגן, אבער אין אמת'ן איז אשר בראת שמים וארץ אסאך א גרעסערע גרויסקייט.

נאר וואס דען, פאר מען פארענטפערט דאס, וויל איך זאגן אפאר ווערטער.

## די תורה איז אונזער וועג ווייזער וויאזוי זיך צו פירן.

אונז שטיי מיר דאך אין חודש סיון, דאס איז דאך א חודש וואס מען האט מקבל געווען די תורה, די תורה איז א נצחיות, און די תורה דארף יעדן טאג אריינשיינען אין די מענטש. די 'תורה' איז א לשון 'מורה', דאס ווייזט יעדן טאג פארן מענטש ווי אזוי זיך צו פירן ברוחניות ובגשמיות, ביי יעדע זאך און יעדע ענין, ובכל מקום ובכל זמן, אלס איז די תורה שייך, איז טייטש, אז א איד דארף וויסן אז דורך תורה, און 'נאר' דורך תורה, קען ער זיך רירן און אנגיין אינעם לעבן.

## ענק זענען רביה"ק'ס זי"ע קינדער וואס לערנען אין ישיבה וואס טראגט זיין הייליגע נאמען

וועגן דעם בחורים טייערע, עטס זענטס קינדער פונעם אייבערשטן, עטס זענטס קינדער פון רביה"ק זי"ע, עטס לערנט'ס אין זיין ישיבה, ענקערע עלטערן האבן ענק פאר דעם אהערגעשיקט, אז עטס זאלטס וויסן אז די תורה איז א נצחיות, אן אייביגקייט, אין יעדע צייט און אין יעדע זמן. מ'דארף האלטן די הייליגע תורה, און די תורה וועט ענק ווייזן ווי אזוי מען קען אנגיין. מ'קען זיך נישט פארשטעלן, א בחור קען זיך נישט פארשטעלן וואס דאס מיינט, "א טאטע שיקט אוועק זיין זון אין ישיבה, ער ווארט ער זאל אויפוואקסן א ערליכע בחור, ער זאל וואקסן א תלמיד חכם, ער געט זיך אוועק זיין גאנצע פארמעגן אז די קינדער זאלן אויפוואקסן ערליכע קינדער".

אבער עטס זאלטס נישט פארגעסן איין זאך, **"עטס זענטס קינדער פונעם אייבערשטן, קינדער פון רביה"ק, עטס לערנטס אין די ישיבה פון רבינו הקדוש!, מען האט אויפגעשטעלט די ישיבה אויף זיין נאמען, רביה"ק קוקט פון אויבן דא אראפ אויף זיינע תלמידים אין ישיבה, און ער שיינט אריין אין ענק בחורים, ער בעט פאר ענק!**

מ'ווייס מיר דאך עס איז געדרוקט אין עבודת עבודה, וויפיל מאל דער רבי - רביה"ק האט געזאגט פאר די בחורים, **"בחורים טייערע, איך בין מתפלל פאר ענק יעדן טאג, בכל מקום ובכל זמן בעט איך פאר ענק, אז עטס זאלטס מצליח זיין, עטס זאלטס אויפוואקסן ערליכע קינדער יראים ושלמים פאר'ן אייבערשטן"**. ווייס מיר דאך אז אויב א צדיק האט דאס געטוהן בחייו חיותו, איז דאך גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם, צדיקים זענען גרעסער ווען זיי זענען שוין נישט דא אויף דער וועלט, זיי זענען אויבן גראד מתפלל ביים כסא הכבוד, צוליב דעם, וואס עטס בעט'ס פאר ענק, קען ער ענק אראפשיקן, דאס זאלט עטס נישט פארגעסן, עטס לערנטס אין די ישיבה וואס טראגט די נאמען פון רביה"ק, עטס לערנטס אין א ישיבה וואס רביה"ק האט געזאגט בחייו אז ער טוט מתפלל זיין פאר ענק, און ער בעט פאר ענק יעדן טאג, און אוודאי' אויבן טוט ער בעטן פאר ענק, דאס איז די זכי' וואס עטס האטס דאס!

מען דארף זען אז מען זאל דאס אריינכאפן, מ'זאל דאס נעמען מיט זיך און דאס וועט ענק באגלייטן, מ'ווייסט דאך די אייבערשטער האט באשאפן א מענטש, און די אייבערשטער האט געגעבן אין יעדן אידיש קינד א חלק אלוקי ממעל, מה רב טובך אשר צפנת ליראיך, וויפיל גוטס האט דער אייבערשטער באשאפן און ער האט דאס באהאלטן, ווי האט ער דאס באהאלטן, ביי ענק! ענק! עטס האטס עס! - איך זאג עס פאר מיר, איך רעד נאר הויעך, - עטס דארפטס עס ארויסנעמען, מ'דארף ארויסברענגן דעם 'טוב' פון דארט, די פיל גוטסקייט פון דארט - פון די חלק אלוקי ממעל וואס איז באהאלטן, מ'האט ענק עס אריינגעגעבן אין די נשמה, דעם דארפט עטס ארויסברענגן, ס'ליגט א חוב אויף יעדע בחור, און אויף יעדע איד ארויסצוברענגן דעם טוב, פון די חלק אלוקי ממעל.

## יעדע איד קען דורך די קדושה וואקסן און שטייגן פי כמה!

עס ווערט געברענגט, אז ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר כלל ישראל, האט ער עס דאך געגעבן אויפן בארג סיני, ביים בארג סיני האט מען געוויסט אז מען טאר נישט צוגיין צום בארג, און דער אייבערשטער האט געהייסן אנזאגן, אז יעדער זאל שטיין ווייט פונעם בארג, ווייל די תורה קומט דארט אראפ, שטייט דארט הצאן והבקר לא ירעו אל מול ההר ההוא, אז מ'זאל נישט פאשענען די שאף און רינדער אויף דעם בארג, און ניטאמאל זאלן זיי ארויפקומען נאנט צום בארג, זיי זאלן נישט גיין אויף ארויף, כדי זיי זאלן נישט צוקומען צו דעם בארג, אל ירעו אל מול ההר ההוא.

לכאורה איז עס דאך נישט צו פארשטיין, וואס איז פשט, זיי זענען דאך אין א פוסטע פלאץ א מדבר, ס'איז פוסט און וויסט, ס'איז נישט מוכשר צו וואקסן די ערד, עס איז ליידיג ס'איז גארנישט דא, ווי אזוי קען וואקסן דארט גראז, וואס הייסט והבקר והצאן אל ירעו אל מול ההר ההוא זיי זאלן נישט

ארויפגיין, וואס איז בכלל דא דארט צו פאשען? נאר וואס דען, דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, און עס איז דארט געוואקסן גראז אויף דעם בארג. און טאקע וועגן דעם ווערט געברענגט אין שלחן ערוך, אז שבועות ברענגט מען אריין די בלומען, די גראז, און מען ברענגט דאס אריין צו ווייזן אז דער אייבערשטער האט באשאפן א נס, אז עס איז דארט געוואקסן גראז און בלומען.

פארוואס האט ער געמאכט די נס, ער האט געוואלט ווייזן צווי זאכן, איינס האט ער געוואלט ווייזן, אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר אונז אידן. און נישט נאר ער האט עס געגעבן פאר כלל ישראל, נאר די קדושה ווערט הייליג ביי כלל ישראל, און עס ווערט הייליג אפילו די ערד, אויף די פוסטע ערד וואקסט אויך גראז! קומט אויך ארויס אזא זאך, צוויי זאכן האט ער געוויזן פאר יעדעם אז יעדער זאל וויסן, דו זעסט, געב א קוק א מדבר וואס קען נישט קומען קיין גראז ס'איז נישט מוכשר צו וואקסן, דאך האט דאס דער אייבערשטער געמאכט.

איז דו אודאי! דו ביסט דאך א נשמה פונעם אייבערשטן אליין, דו האסט די חלק אלוקי ממעל, און אין דיין נשמה און מח האסטו די באהאלטענע גוטס, ברענג ארויס די טוב פון דארט, ברענג ארויס די התגלות וואס דער אייבערשטער איז אין דיר באהאלטן, דיינע מדות טובות, אין טוב אלא תורה דאס איז די תורה וואס ווערט אנגערופן טוב. די מדות טובות די הנהגות טובות אלע גוטע זאכן זאל מען ארויסברענגען, די מעשים טובים, דאס אלעס איז א חיוב אויף א איד ארויסצוברענגען. און ווען מען ברענגט עס ארויס מכח אל הפועל, דאן קען מען זען אז די שכינה רוהט און לייכט אויף יענעם, דעמאלטס רוהט טאקע די שכינה אויף אים. דאס האט דער אייבערשטער געוויזן מיטן מאכן די גראזן וואקסן, אז דאס טוב דארף נתגלה ווערן, און אז קיינער זאל זיך נישט אפרעדן אז עס איז אים צו שווער, לפי זיין דרגה, ווייל געב א קוק, א פוסטע ערד האט מחמת די קדושה פון די הייליגע תורה, אויך אנגעפאנגן צו וואקסן און שפראצן.

## איב זוכט מען באמת די חלק הטוב, טרעפט מען עס!

די זעלבע זעהן מיר אויך(פרשת שמות), בתי' בת פרעה איז געגאנגען צום ים, זי האט געזעהן א קעסטעלע שווימט אויפ'ן וואסער, ותרא אותו כי 'טוב' הוא, זי האט געזען אז ס'איז גוט, עס איז דא דארט א טוב, דער אייבערשטער האט איר אריינגעשיינט אז זי זאל זען, און זי האט געזען דעם טוב, א טאכטער פון פרעה הרשע... זי האט געזען דעם טוב, זי איז געגאנגען, זי האט אויסגעשטרעקט איר האנט, און זי האט ארויסגענומען דעם טוב - דעם 'משה רבינו'. זעט מען פון דעם ווידעראמאל, אז ווען א איד זוכט באמת ארויסצוברענגען דאס גוטס, און ווען א בחור וויל ארויסברענגען דאס גוטס וואס דער אייבערשטער האט געגעבן, דעם חלק אלוקי ממעל, קען מען דאס ארויסברענגען, קען מען מיט דעם אנגיין ווייטער.

און דאס איז וואס ס'איז געווען ווען די אייבערשטער האט געגעבן די תורה, וואס אונז דארפן זיך פון דעם אראפלערנען אז אונז דארפן ארויסברענגען די חלק התורה - ואין טוב אלא תורה.

**"איז אזוי, קודם האף איך בחורים, אז עטס פארשטייטס ווי עטס לערנטס, איך האב ענק געזאגט עטס לערנטס אין א ישיבה וואס רבינו הקדוש פירט עס פון אויבן, א ישיבה וואס רבינו הקדוש בעט פאר ענק שטענדיג, אז עטס זאלטס מצליח זיין און אויפוואקסן ערליכע קינדער".**

### יו"ט שבועות נעמט מען א ראי' פון די פוסטעביימער, אז יעדער קען וואקסן!

די צווייטע זאך וואס מען דארף וויסן פון די וואכנדיגע סדרה. אבער, מ'שטיי מיר דאך אין חודש סיון, דארף מען קודם וויסן אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, דער אייבערשטער האט דעמאלטס משנה געווען די גאנצע בריאה, ער האט געמאכט אז עס זאל וואקסן גראז אין א וויסטע מדבר. פיסטע ביימער ברענגט מען אריין אין שוהל, פיסטע ליידיגע ביימער פון דעם דארף וואקסן? פירות וואקסט אויף א ליידיגע בוים? אבער ווען דער אייבערשטער וויל עס, הייבט עס אן וואקסן פירות, דאס איז די פירות דארף מען זיך אויסלערנען.

ווען מ'פארשטייט די זאך, ווי עטס לערנטס, ווי עטס באלאנגטס, ווער עס בעט פאר ענק, ווער עס שתדל'ט פאר ענק. אז מען פארשטייט וואס די תורה איז, אז די תורה דארף מען ארויסברענגען דעם טוב, אין טוב אלא תורה, דאס דארף מען ארויסברענגען די מעשים טובים די מדות טובות, די אלע גוטע זאכן, און דעמאלטס קען מען ווייטער אנציען.

# אהרן הכהן האט די חשוב'סטע אויפגאבע, ער דארף אנצונדן די חלק הטוב, ונר ה' נשמת אדם

מיט דעם קען מען פארשטיין וואס שטייט די וואך אין די סדרה, - מ'האט געפרעגט א קשיא - אהרן הכהן ער איז נישט געווען ביי די נשיאים ממילא חלשה אז דעתו אז ער איז נישט געווען ביי חנוכת הנשיאים, האט אים דער אייבערשטער געזאגט איך געב דיר די מנורה מדליק ומטיב את הנרות. נו מיט וואס האט ער זיך בארואיגט, עטס ווייסט ווי אזוי ער האט זיך בארואיגט.

די משנה זאגט אין אבות אז אהרן הכהן איז געווען א 'אוהב שלום ורודף שלום ומקרב את הבריות מקרב את התורה', ער האט מקרב געווען את הבריות, ער האט מקרב געווען צו תורה, אהרן האט גע'חלש'ט, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן, אז דער אייבערשטער זאל אים מזכה זיין אז ער זאל קענען ארויפברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן, אז זיי זאלן דינען דעם אייבערשטן ער זאל קענען ארויסברענגען דעם טוב פון אידישע קינדער, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, דו וועסט מדליק ומטי"ב זיין, דו וועסט מדליק ומטיב זיין די מנורה וואס הייסט מדליק, אל מול פני המנורה, דאס איז טייטש נעם ארויס פון די אינעווייניגסטע פון די מנורה, די מנורה איז דאך א נשמה נר ה' נשמת אדם, די מנורה איז צוגעגליכן צו א נשמה גיי אריין אין די פני המנורה און ברענג ארויס ס'זאל ברענען אלע זיבן לעכטעלעך די זיבן לעכטעלעך ווייזן אויף די זיבן מדות, ארבעט עס אויס און ברענג עס ארויס, און דאס איז געווען אהרנ'ס טעג אז ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט אז איך געב דיר די מנורה, יא די תמידין די קרבנות זענען א גאנצן טאג, די כהנים קענען דאס טוהן.



אבער היינט ליידער איז נישט דא קיין בית המקדש, ס'האט זיך געמאכט וואס ס'איז געשען, מ'איז נישט מקריב די קרבנות, אז אפי' ווען ס'איז נישט דא קיין בית המקדש, אבער א איד קען דאווענען ונשלמה פרים שפתינו, ס'ווערט דאך גערעכנט כאילו מ'האט מקריב געווען די קרבנות אין בית המקדש.

מען האט נאכדעם געפרעגט, וואס איז פשט, די אידן האבן געפרעגט דעם אייבערשטן, דו רבוש"ע דו ביסט דאך די ליכטיגקייט אליין, נו וואס ברויכסטו אונזערע ליכט פאר א ליכטיגקייט, האט דער אייבערשטער געזאגט איך וויל אז עטס זאלטס מיך צוריק לייכטן און איך לייכט עס פאר ענק אריין. דאס איז די זעלבע ענין, דער אייבערשטער גיבט אריין א חלק אלוקי ממעל, א באהאלטענע 'טוב' פאר יעדע אידיש קינד, און יעדע אידיש קינד האט א חיוב און א פליכט דאס ארויסצוברענגען.

- איך זאג עס פאר מיר, אבער איך וויל עטס זאלטס הערן צוזאמען, מ'רעדט דא צוזאמען, ס'איז שבת אחים גם יחד, מ'זיצט צוזאמען דעם גם יחד איז אויך דא צווישן אונז, דער הייליגע באשעפער ער הערט דאס, ער בעט דאס פון אונז אלע.

## זייט וויסן וויאזוי א טאהשע בחור זארף זיך צו פירן!

טייערע בחורים, זאלט עטס וויסן איין זאך, די פני המנורה - די נר ה' נשמת אדם זאל מען אנצינדן זאל מען ארויסברענגן די שבעת הנרות וואס דאס איז די זיבן מדות, וואס מיט דעם איז אהרן הכהן געווען צופרידן. אלע פרעגן וויאזוי ער האט געקענט נאכלאזן אזא זאך, ווייל אויב מען פארשטייט אמת'דיג, איז דאס איז די זאך וואס ער האט געוואלט, ער האט געוואלט מקרב זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן. פארוואס, כדי וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך, די אלע גוים די אלע פעלקער זאלן זען וויאזוי ווען א איד גייט ארום האט ער דעם עול מלכות שמים פאר'ן אייבערשטן. א בחור גייט ארויס פון צווישן די ישיבה ווענט, ער גייט ארויס ח"ו אויף די גאסן, טויג דאס נישט, ווען ער זיצט אין א ישיבה, ער לערנט און ער דאווענט דארט, ער איז ארומגענומען מיט הייליגע זאכן, קען ער אויפשיינען, און דעמאלטס וראו כל עמי הארץ, קען די גוי זעהן, קענען אלע פעלקער זעהן, וואס הייסט א איד, וויאזוי א בחור דארף אויסצוזעהן, **ווי אזוי א טאהשע איד דארף אויסזעהן!.**

לענינינו, בחורים טייערע. ברוך השם מען לערנט פלייסיג, מ'דאווענט ערליך, עטס זענטס יראים ושלמים, "זייט'ס ענק מחזק, גייטס ווייטער אן אין דעם, און פארגעס נישט אז עטס זענטס טאהשע קינדער". טאהשע קינדער, זאגט מען איך בין א נוגע בדבר... אבער מענטשן זאגן מיר, נאך בעפאר איך בין געווארן רבי, האבן מיר מענטשן געזאגט, מען זעט אויף א טאהשע אינגערמאן, און מען זעהט אויף א טאהשע בחור! וויאזוי ער דאווענט, וויאזוי ער האט זיין שיעור תורה, ווי אזוי ער שטעלט זיך צו, די יראת שמים, עפעס ליגט אין אים.

**המשך בשבוע הבא**


חברה קדישא
דקהל אור החיים טאהש
זמנים פאר נשים ביים ציון הקדוש
חשוב'ע נשים צדקניות
זונטאג שופטים, כ"ו אב
פון 6:00 ביז 10:00 נאכמיטאג
וועט זיין ערלויבט 'בלויז פאר נשים'
צו זיין ביים בית החיים
חברה קדישא דקהל אור החיים ד'טאהש


במשך המעת לעת
ביומא דהילולא קדישא
אצל הציון הקדוש
משמורות לסיים
כל ספר תהלים
רצופות בלי הפסק
ואחריו מנין
לאמירת י"ג מדות
של רחמים
בשירי
דוד המלך
ספר
התהלים
השתפך
נפשו
וערך
תחנונים
ובו נשמתו
קשורה
והסדר כדלהלן:
בשעה 1:45
בשעה 3:45
בשעה 5:45
בשעה 7:45
בשעה 9:45
בשעה 11:45
בשעה 1:45
בשעה 3:45
בשעה 5:45
בשעה 7:45
בקשה נחוצה
תהלים


פארקינג סיסטעם
שאטעל סערוויס
מודעה
בנוגע
פארקינג
ביים ציון
הקדוש
בימי הילולא
קדישא


קבלת קהל בימי ההילולא
זמני כניסה בקו"פ אצל
כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
עש"ק ראה
ביום א' שופטים
ביום ב' שופטים


"בשורה משמחת"
א באס וועט אי"ה פארן זונטאג שופטים אינדערפרי
קיין קרית טאהש
לרגל די יומא דהילולא של
רבינו הקדוש מרן
רבינו משולם פייש בן ר' מרדכי סג"ל
זצוקללה"ה
פרייז $160 ראנד טריפ
בארא פארק: 7:30
וויליאמסבורג: 8:00
מאנסי: 9:15
מאנרא: 10:00
14 - 46
Bedford highway
wall mart 59
Park and ride
עלי' לציון הק' משעה 6:00 ואילך
די באס וועט צוריקפארן 1:00 פון אבריכים
ביטע רופט
347-689-9964
פוילט'ס אלעס גוט'ס


ביהמ"ד אהל אלימלך ד'טאהש
5427 Rue Jeanne-Mance, Montreal, QC H2V 4K5
באסעס
בית מדרשינו
5427 Rue Jeanne-Mance
בלויז פאר מענער


הננו בזה להודיע
לתפילת
שחרית רבתי
בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
בהיכל ביהמ"ד הגדול
ברכות 7:45 | הודו 8:00
מסיבת לחיים
הנהלת הקהילה

# ישיבתי היתה לראש פינה

## השראת הקדושה ממשיך ביים ירושה

ישיבתו הרמה אין טאָהש דעם הייליגן רבי'נס ירושה!
דאָ שעפּן אונזערע בחורים פון זיין קדושה!



**די הערצער** פון אלופי אלפי תלמידים וחסידים רויש מיט התרגשות צום גרויסן הילולא קדישא פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע, זיך גרייטנדיג צו אָפּלאָדענען ביים ציון קודש הקדשים אין קרית טאָהש אַלע שטיינער וועלכע דרוקן אויפ'ן האַרץ, און אַהיימצופאָרן מיט זעק און פעק פון ישועות ורפואות וכל מילי דמיטב.

ביים הייליגן רבי'ן זי"ע נשמתו בגנזי מרומים, טראָגט די הייליגע לויטערע טאָג ז"ך אב, אַ פול העכערע באַדייט, וואודאי שטייט דער הייליגער רבי אויפגעהויבן מיט זיינע הייליגע הענט און בענטשט בשתי ידים לכל הבאים בצל קורתו, אָבער זיין הילולא קדישא טראָגט אַ פול העכער צורה.

דער הייליגער רבי, ממקומו יפן ברחמים, און קוקט זיך צו אויף זיינע הייליגע ירושה וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט בעולם הזה, ער קוקט זיך איין אין זיינע הייליגע פעולות און פעסטונגען וועלכע ער האָט אַוועקגעשטעלט בהאי עלמא, צו דאָס איז ווייטער ממשיך בגאון ובעוז.

ובפרט די הייליגע ישיבה אין קרית טאָהש, וועלכע איז היתה לראש פינה. די גאַנצע הייליגע שטעטל קרית טאָהש וועלכע איז היינט יפה נוף משוש כל הארץ, איז בלויז אַ צווייגעלע וועלכע איז אויסגעשטיגן פון די התייסדות הישיבה מחוץ לעיר, קוקט דער הייליגער רבי פון גן עדן מיט אַ גלאַנץ פון נחת אין די הייליגע אויגן, און ער זעהט אַז זיין עיקר האָרעוואַניע אַוועקצושטעלן דורות פון געוויקעלטע חסיד'ישע בחורים בתורה וחסידות, איז נישט געווען לריק, עס איז ווייטער ממשיך ברוב אונים ואמיץ כח.

חסידים ואנשי מעשה וועלכע זענען אין זייער בחור'ישע יאָרן געקומען לראות וליראות פני הקודש, צו מקבל זיין לקח והדרכה פונעם הייליגן רבי'ן, שפּירן ברגש דקדושה אַז זייערע קינדער קענען ווייטער זוכה זיין צו אָט די הייליגע השראה פון רביה"ק זי"ע, דורך דעם וואס מ'איז ווייטער אדוק ומקושר באילנא דחיי, אין דעם הייליגן בוים פון תורה וחסידות וואָס דער רבי האָט איינגעפלאַנצט, די ישיבה הקדושה אין קרית טאָהש על תילה בנוי' לשם ולתפארת.

דער הייליגער רבי שעפּט נחת פון זיין הייליגע ישיבה, דאָס האַרץ קוועלט אים צו זעהן די נחת'פולע גרוסן מבין כותלי הישיבה, ווי די בחורים שטייגן מעלה מעלה מאוד נעלה, על אדמת הקודש וועלכע ער האָט אַוועקגעשטעלט מיט אַזאַ הייליגע מסירת נפש. און ער האט הנאה פון די ווייטער'דיגע אויפבליה און די גאלדענע המשכה וואס בנו יחידו וממלא מקומו כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א איז ממשיך און טוט ווייטער פאר זיינע לעכטיגע תלמידים. און אָט אַזוי איז ממשיך די השראת הקדושה ביים מקום הירושה.





# ראו גידולים שגדלתי

אין די צייט וואָס אלפי אלפים שטראָמען צום הייליגן שטאט פונעם צדיק "קרית טאָהש" כי שם חלקת מחוקק ספון, מיט תפלות און בקשות זיך מזכיר צו זיין ביים הייליגן רבי'ן זי"ע להפקד בדבר ישועה ורחמים, איז מען זוכה אַז די קרי' נאמנה אַנטפאַנגט מיט אַ ווידער-קול וועלכע רופט אויס "ראו גידולים שגדלתי", רביה"ק זי"ע שטאָלצירט משמי מרום פון די הערליכע גאָרטן וועלכע איז צעוואַקסן פון די קערענדלעך וועלכע ער האָט איינגעפלאַנצט מיט מסירת נפש.

די גולת הכותרות פון אַלע פעולות פונעם הייליגן רבי'ן איז געוויס געווען די ישיבה הקדושה, די גאַנצע אימפעריע פון קהילות ומוסדות טאָהש ברחבי תבל וועלכע איז היינט אַ וועלט'ס-פראַכט, האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ישיבה גדולה, וואָס דער הייליגער רבי האָט אַריינגעלייגט כל כוחו ואונו אויפצושטעלן וואַרימע געווייקטע חסיד'ישע בחורים וואָס האָרעווען על התורה ועל העבודה, און זענען ראוי לאותו איצטלא פון אַ "טאָהשער תלמיד". דער הייליגער רבי האָט געזעהן אַז נאר מיט'ן אַוועקשטעלן אַ באַזונדערע פריוואַטע ישוב פאר די ישיבה וועט ער קענען אויספירן את שאהבה נפשו.

פאר דעם הייליגן צוועק אַוועקצושטעלן די ישיבה אויף דעם הויכן ניוואָ האָט דער רבי אַרויסגעצויגן די ישיבה פון מאָנטריאַל מקום ישיבת כרכים קשים, אַוועק פון די רוישיגע גאַסן מיט זייערע פריצות און איבלען, און אַריין צו אַ לויטערע ריינע מקום וואָס דער רבי האָט מקדש געווען בעשר קדושות אַז דאָס זאָל זיין ראוי ונכון אַלס אכסני' של תורה פאר זיינע טייערע ליבע תלמידים.

און כדי די ישיבה זאָל קענען פונקציאָנירן האָט געדאַרפט זיין דירות פאר די מרביצי תורה שליט"א, און אַ מוסד פאר זייערע קינדער, און אוודאי האָבן נאָך געהויבענע חסידים ואנשי מעשה געוואָלט לעבן און אָטעמען אין אָט די הייליגע אויר און האָבן זיך אויך מיטגעכאַפט מיט די ישיבה, וממנה יסד וממנה פינה די גאַנצע הערליכע קרית טאָהש בנוי לתלפיות, וועלכע אַנטפאַנגט אונז צום יאָרצייט, און שרייט אויס צדיק מה פעל, אָבער אונטער דאָס אַלעס שטייט די הייליגע ישיבה משאת נפשו הטהורה.

דעריבער איז אַצינד ערב די הילולא קדישא, די פאַסיגע צייט צו כאַפּן אַ בליק אַריין אין די ישיבה, צו זען וואָס דער הייליגער רבי האָט געפלאַנצט, און וואָס דאָס איז אויסגעשטיגן פאר מקדושים, און פאַרשטיין וואָס עס ליגט אונטער דעם רבי'נס הייליגע רוף צו תלמידיו וחסידיו וממשיכי דרכו בקודש: **ראו גידולים שגדלתי.**

# על התורה

## ריזיגע קניני התורה עררייכט בש"ס ומפרשים

שטייענדיג אין די לעצטערע וואָכן פונעם זמן, און די גאָר געלונגענע שנת הלימודים תשפ"ו קומט שוין אָט אָט צו די ענדע, ווען די בחורים סיי פון קרית טאָהש און סיי פון ניו יאָרק און פון אומעטום, וועלן אַהיימפאָרן למחוז חפצם מיט זאַפּאַסן פון קניני התורה וועלכע מ'האָט זיך איינגעקויפט דורכאויס די יאָר, וועלן מיר כאַפּן אַ שנעלע בליק אויף די סדרי הלימודים.

חסיד'ישע בחורים פילעווען אין גמרא תוספות און מקצועות שולחן ערוך, פון פרי-פאַרטאָגס ביז שפּעט ביינאַכט, גאָרנישט עקזיסטירט נישט אויסער דעם, מ'איז ווייט אַוועק פון דערהיים, רוב בחורים זענען זאָגאַר אין אַ אַנדערע מדינה, דאָס איז ממש אַ יקר המציאות וואָס מ'טרעפט נישט היינטיגע צייטן.

אין לויף פון יעדע צוויי יאָר לערנט מען אַדורך גאַנץ מסכת בבא בתרא צווישן די פאַרמיטאָג און נאָכמיטאָג סדרים, מיט אַ שטאַרקע עיון און לומדות, יעדע צווייטע יאָר נאָכ'ן פאַרענדיגן די פרישע מחזור ללימוד המסכת, שפּילט זיך איבער די התרגשות'דיגע מחזה הוד ווי רוב מנין ובנין פון די תלמידי הישיבה, שטעלן זיך צום פאַרהער אויף "גאַנץ מסכת בבא בתרא" ישר והפך, וועלכע איז אַ רייכטום פון באַלד 200 בלעטער גמרא, און אַ חלק הארי איז גמרא רש"י תוספות ומפרשי הש"ס.

אין צוגאָב צו די לימודים אין מסכת בבא בתרא, ווערט אויך אַדורכגעלערנט הדק היטב ביים שיעור עיון די ערשטע פרק אין די יום טוב'דיגע מסכת סוכה, און איז צוגעשטעלט מיט אַ באַזונדערע חבורה צו ענדיגן די איבריגע פרקים אין זייטיגע זמנים. ופרוס חביבי עלי את סוכת שלומיך.



# על ההוראה

## בחורים בעלי הוראה; גאַנץ שו"ע יו"ד ח"א!

אין אַ באַזונדערע דערגרייכונג גרייטן זיך בעז"ה אַ גרויסע מספר בחורי הישיבה צו מסיים זיין גאַנץ הלכות איסור והיתר, שולחן ערוך יורה דעה ח"א, וועלכע זיי האָבן אַדורכגעלערנט דורכאויס די פאַרגאַנגענע דריי יאָרן אין ישיבה, ווען יורה דעה ח"א איז גוט באַקאַנט מיט איר לומד'ישע סוגיות און סברות, און מיט אַ מאַגנאַטישע כח טוט דאָס אויפהייבן די התמדת וחשקת התורה, ליגנדיג בעומקה של הלכה פון אַזעלכע הערליכע סימנים, וועלכע ברענגען אַריין אַ ריכטיגע שמחת התורה ביי די חשובע בחורים.

די סדר הלימוד פון שולחן ערוך איז אין שיעור א' און שיעור ב' ביים ביינאַכט סדר, וואָס דעמאָלטס איז מען שוין עטוואָס אָפּגעמוטשעט פונעם גאַנצן טאָג אָנגעזאַפּט מיט תורה, אַ פאַרטאָגס, אַ פאַרמיטאָג, און אַ נאָכמיטאָג, אָבער די לעבעדיגע סברות און פעסטע סימנים פון הל' בשר בחלב און הל' תערובות, ברענגען אַריין אַ פרישע חיות און לעבהאַפט, אַז די ביינאַכט סדר לעבט ווייטער מיט אַ שטאַרקע חשקת התורה, וכל העוסק בתורה בלילה חוט של חסד משוך עליו כל היום.




ווידער די אַנדערע צוויי מקצועות פון יו"ד ח"א; הל' מליחה און הל' טריפות, וועלכע זענען שוין עטוואָס לייכטערע סימנים ווי בשר בחלב און תערובות, ווערן געלערנט אין שיעור ג', ווען די פאַרמיטאָג סדר איז מיוחד אויף לימוד הל' טריפות, וועלכע ווערט אַראָפּגעלייגט מיט אַלע פּרטים פון די בהמה אַז מ'זאָל ריכטיג פאַרשטיין די מקצוע, און ביים ביינאַכט סדר אין שיעור ג' ווערט געלערנט הלכות מליחה.

# על חבורה

## די קייט פון חבורות אויף חזרות און השלמות וואָס זענען מרומם די קרן התורה עד להפליא!

התורה נקנית בחבורה! דאָס איז די תירוץ אויף די פליאה עצומה ווי אַזוי די בחורי חמד תלמידי ישיבתינו הק' זענען אַזוי מצליח קונה צו זיין קניני התורה, דאָס איז צו פאַרדאַנקן די הערליכע נאָבעלע חבורות וועלכע פונקציאָנירן לשם ולתפארת בתוככי ישיבתינו הק'.

אין ראַם פון חבורת "חיינו" האָבן די בחורים היי-יאָר מידי שבוע בשבוע איבער גע'חזר'ט אויף אַ מייסטערהאַפטיגע סדר יעדע וואָך די לימודים אין מסכת בבא בתרא.

די סדר החבורה איז אויף עטליכע דרגות פון חזרות, צוערשט חזר'ט מען איבער יעדע וואָך די לימודים פונעם פאַרגאַנגענעם וואָך, און דערנאָך פון אַ וואָך פריער, אַ חודש פריער, און אַזוי זאַמעלט זיך אָן אַ הערליכע אוצר פון בלעטער גמרא וועלכע זענען מונח בקופסא וועלכע שטייגט נאר העכער מיום ליום ומחודש לחודש.

אין די זעלבע צייט זענען תלמידי שיעור ב' מיט גרויס הצלחה אין ראַם פון "חבורת קנין שלם", זוכה קונה שלימות זיין אין מסכת בבא בתרא, ווען מ'האָט איבער גע'חזר'ט די לימודי המסכת פון פאַרגאַנגענע יאָר תשפ"ה העעל"ט, און אַזוי מיט'ן כח פוןביידע חבורות אינאיינעם ווען זיך אַ מספר אדיר פון תלמידי הישיבה זוכה זיין צו שטעלן צום פאַרהער אויף גאַנץ בבא בתרא, והיה המשכן אחד.

ויבוא החבורה השלישי וועלכע איז מרומם די קרן התורה "חבורת חוזר וניער" וועלכע מאַרשירט פאָראויס מיט'ן שטערקסטן גאַלאָפּ, אַז די בחורים זאלן נאָכאַנאַנד איבער חזר'ן און פאַרהערן די פריער'דיגע סימנים און מקצועות אין שו"ע יו"ד ח"א, אַזוי אַז נאָך דריי יאָר האָרעווען אין די מקצועות זאָל מען זיך דאָס קענען פאַרהערן און עס זאָל זיין מונח בקופסא.

און ווידער אויפ'ן פערטן פראָנט לעבט זיך אין די ישיבה די "חבורת סוכת שלם", וועלכע איז באַזירט אַז אין צוגאָב צום ערשטן פרק אין מסכת סוכה וועלכע מ'לערנט אַדורך יעדע צווייטע יאָר, זאָל מען באַזונדער משלים זיין די אַנדערע פיר פרקים אין מסכת סוכה, און אַזוי זוכה זיין צו אַ סוכת שלם, גאַנץ מסכת סוכה לכבוד יו"ט סוכות.

און ווי איז שייך אויסצולאָזן די הערליכע חבורת חומש רש"י געווידמעט אַדורכצולערנען די גאַנצע סדרה חומש מיט רש"י מידי שבוע בשבוע, וואָס עס איז ידוע וואָס הרה"ק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זצ"ל האָט געזאָגט אַז מ'לערנט חומש רש"י ווייסט מען וואו דער אייבערשטער וואוינט, און צדיקים האָבן געזאָגט אַז דאָס איז די גרעסטע סגולה אויף יראת שמים.

# על מה זאת

## אַ וועלט'ס וואונדער בעולם הישיבות!

דאָס איז די שענסטע כבוד פאַר'ן הייליגן רבי'ן אין גן עדן, אַז זיינע



חסיד'ישע בחורים אין ישיבה, שטייגן אַזוי שיין און הויך בקניני התורה, אַהה... עס לעבט זיך אַ תורה'דיגע גייסט אין ישיבה.

די גוטע גרוסן פון די ישיבה איז נישט באַגרעניצט בלויז אינערהאַלב קרית טאָהש, ווען פון איבעראָל באַקומען די הנהלת הישיבה ווענדונגען צו פאַרשטיין און טיפער אָפּלערנען, האיך יתקיימו ווי אַזוי מ'באַווייזט די אויסטערלישע וואונדער, אָנצוקומען אַזויפיל לימודים, און נאָכדערצו די בחורים קענען דאָס אַזוי פליסיג.

אוודאי ליגט אונטער דעם אויסטערלישע כוחות מיט וואַרימע הארץ און געפיל דורך די חשובע מגידי שיעור שליט"א אין שפּיץ פונעם מנהל שליט"א, אָבער געוויס איז דאָס די סייעתא דשמיא פון הייליגן רבי'ן וועלכע באַגלייט די מקום קדוש וועלכע ער האָט מייסד געווען בעשר קדושות.

## על העבודה

### די פלאַמעדיגע טאָהש'ער דאַווענען באותו מקום קדוש

"מיט די גאַנצע טאָהש'ער ברען גענוי ווי בחייו פונעם הייליגן רבי'ן", אָט דאָס איז די התפּעלות'דיגע אויסדרוק וועלכע שרייט זיך אַרויס ביי אנשי שלומינו ווען מ'איז זוכה מיטצוהאַלטן די וואַרימע דאַווענען מיט'ן גאַנצער טאָהש'ער פלאַם, אַזוי ווי רביה"ק זי"ע האָט תמיד געלערנט און געפאָדערט, און ווערט ווייטער נמשך בגאון ובעוז דורכ'ן ראש מתיבתא קדישא כ"ק מרן רבינו שליט"א, איי דאָס האַרץ קוועלט צו זען ווי עס וואַקסט אויף אַ פרישע לגיון של מלך, אן אַרמיי פון וואַרימע חסיד'ישע טאָהש'ער בחורים, אויף די זעלבע וואַרימע שטייגער ווי מיר זענען אויפגעוואַקסן אין די בחור'ישע יאָרן אונטער אַזאַ וואַרימע לויטערע אַטמאָספערע.

## על החסידים

### וואַרימע חסיד'ישע בחורים, אַ כבוד פאַר'ן הייליגן רבי'ן זי"ע!

נאר אָנקוקנדיג די בחורים, זעהט מען גלייך אַז אויף זייערע פּנימ'ער איז שורה אַ העכער חיות דקדושה, לעבנדיג אויף אַ געהויבענע געווייקטע חסיד'ישע שטייגער, מיט ריכטיגע חסיד'ישע השגות און הפלגות, עפּעס וואָס קען נישט זיין קיין גרעסערע נחת ווי דעם פאַר'ן הייליגן רבי'ן זי"ע.

אָנגעהויבן מיט די טעגליכע חבורת ללימוד ספרי חסידות, אָנגעפירט דורכ'ן משפּיע רוחני הרה"ג המשפיע רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א, און ווער רעדט נאָך די הכנה דרבה לקראת די זמנים ומועדי השנה, ווען די וואַרימע אור פון רבותיה"ק תלמידי בעש"ט הק' זי"ע שיינט אַריין אין די הערצער פון די תלמידי הישיבה.

לקראת שבת, קומט פאר יעדן ליל שישי ספּעציעלע חבורות הכנה לשבת במילי דחסידי און זמירות שירות ותשבחות וועלכע וועקן אויף די נשמה סטרונעס צו אַנטפּאַנגן דעם שבת מלכתא. די בחורים שעפּן דערפון אַזויפיל חיות, און וואַרטן שוין די גאַנצע וואָך מתי יבוא לידי צום קומענדיגן ליל שישי.

ואלה מוסיף על הראשונים איז קאי וקיימי אַ הערליכע חסיד'ישע חבורה, אָנצוהאַלטן די פקודת הקודש פונעם הייליגן רבי'ן נישט צו רעדן קיין דיבורי חול דעם גאַנצן שב"ק מבואו ועד צאתו. וואָס אגב איז דאָס נישט די איינציגסטע צייט אין וואך ווען עס איז שתיקין באדישתא, ווען יעדן טאָג פאַר'ן דאַווענען אַרבייט מען נישט צו רעדן קיין דיבורי חול פאַר'ן דאַווענען, ווי חסיד'ישע יאָרן האָבן אַלעמאָל מקפּיד געווען.

אַזוי זענען די בחורים אין צוגאָב צו די זאַפּאַסן פון תורה, אויך קונה מוסר און יראת שמים, ודרך ישכון אור במשנתם פון רבותיה"ק תלמידי בעש"ט הק' זי"ע, ווען צווישן אַנדערע איז דאָ די דערהויבענע "חבורת אנא עבדא" ווי מ'הייבט זיך מעלה מעלה מיט מדות טובות וישרות, אַזוי ווי עס איז געווען איינגעפירט בחצרות החסידים.

און אזוי אויך קען מען נישט אויסלאזן די נייע חבורה וועלכע איז געפענט געווארן ע"פ פקודת רבינו שליט"א, ווען די רבי זעלבסט האט ביים געהויבענע פריוואטע 'שבת בני חביבי' געבעטן פון די תלמידי הישיבה זיך קובע צו זיין בלימוד ספה"ק סידורו של שבת.

## על השבתות

### דערהויבענע לעכטיגע שבתים



דאָס איז די שענסטע כבוד פאַר'ן הייליגן רבי'ן אין גן עדן, אַז זיינע חסידי'ישע בחורים אין ישיבה, שטייגן אַזוי שיין און הויך בקניני התורה, אַהה... עס לעבט זיך אַ תורה'דיגע גייסט אין ישיבה...

## מעין עולם הבא!

ווער רעדט נאָך פון די נחת דקדושה וואָס רביה"ק זי"ע קוועלט פון די געהויבענע שבתים אין די ישיבה, וועלכע ווערן געפּראַוועט מיט'ן גאַנצע טאָהש'ער ברען, סיי אין די וואָכן וואָס מ'האַלט מיט די שבתים בצל קדשו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, און סיי אין די וואָכן וואָס דער רבי איז מחוץ לעיר און די בחורים פּראַווענען די שבת בהיכל הישיבה בצוותא חדא בשבת אחים גם יחד.

שבתים אָנגעפּולט מיט אַ אמת'דיגע תוכן, אַזוי ווי עס קוקט אויס ביי וואַרימע חסיד'ישע בחורים וועלכע האָבן זיך דורכאויס די גאַנצע וואָך אָנגעזאַפּט מיט תורה וחסידות, און שבת קודש די יומא דנשמתא שרייט זיך דאָס אַרויס פון האַרץ.

## על ההרים הרמים

### ווייט אַוועק פון די גשמיות'דיגע וועלט!

די וואַרימע השראה וואָס די טייערע בחורים האָבן אַז זיי זענען אין טאָהש, אַוועק פון ניו יאָרק – מקום מושבם פון רוב אנשי שלומינו, מ'איז פיר-און-צוואַנציג שעה און זיבן-טעג-אַ-וואָך במסגרת הישיבה, מ'איז אויסגעפלאָגט פון די גאַנצע עולם הגשמי, מ'לעבט באמת אַ העכערע לעבן.

ווען רבינו הקדוש זי"ע האָט אַוועקגעשטעלט די ישיבה אין קרית טאָהש, איז די אַלגעמיינע וועלט נאָך געשטאַנען ביי היבש אַ העכערע שטאַפּל ווי די היינטיגע נידריגקייט וואָס נעמט אַרום די גוי'אישע גאַס, און עכ"ז האָט דער רבי געוואָלט פאַר משאת נפשו הטהורה אַוועקצוטראָגן די ישיבה ווייט ווייט אַוועק פון די רוישיגע גאַס, אַז די בחורים זאָלן זיין געצילט אָפּגעהאַקט פון די דרויסנדיגע גאַס, זעהנדיג אַז נאר אַזוי קען מען שטייגן און מצליח זיין.

פי כמה מער איז דאָס אין די היינטיגע צייטן ווען די דרויסנדיגע וועלט שלעפּט אַזוי אַראָפּ, און אַז מ'געפינט זיך ווייט אַוועק אָפּגעזונדערט אין אַ הייליגע ישיבה'ישע אַטמאָספערע, האָט דאָס אַ געוואַלדיגע רישומא דקדושא אויף די בחורים.

## על כן באו בצל קורתי

### סביב לשולחנו פונעם הייליגן רבי'ן!

באַטראַכטנדיג די היכל הישיבה מיט די טייערע בחורים, שפּירט זיך די הרגשה אַז זיי האָבן די זכי' זיך צו געפינען אויפ'ן שויס פון רביה"ק זי"ע, סביב לשולחנו פונעם הייליגן רבי'ן, זיי שעפּן זיך אָן מיט די אויר דקדושה וואָס אל מקומו שואף זורח, און דער רבי באַגלייט זיי פון אויבן אַז זיי זאָלן שטייגן און מצליח זיין מעלה מעלה מאוד נעלה.

## על זאת שבחו

### דאָס זענען די זיסע פּירות פונעם הייליגן רבי'ן, אשרינו!

וכל רואיהם יכירון כי הם זרע ברך ה', אנשי שלומינו תלמידים וחסידים קוועלן און שטאָלצירן מיט אָט די הייליגע ישיבה, אשרינו מה טוב חלקינו!

לבו חזו מפעלות, צדיק מה פעל, יאָ, מיר האָבן זיך אומגעקוקט אויפ'ן הייליגן רבי'נס שוואַרץ-אַפּעל פון אויג, די הייליגע ישיבה, די גרונד-שטיין פונעם רבי'נס שטאָט קרית טאָהש, און מיר זעהן בס"ד די הערליכע גידולים שגדלו המלך.

און מיר קענען נאר צושאָקלען מיט'ן קאָפּ, אַז רבינו הקדוש האָט שוין איינמאָל מיט וואָס צו שטאָלצירן בעולם הבא בגן עדן, און זיכער טראָגט דאָס אַרויף דעם הייליגן רבי'נס נשמה בגנזי מרומים צו העכערע היכלות פון די צדיקים הקדושים אין גן עדן, פון וואו דער הייליגער רבי וועט ווייטער משפיע זיין אויף עדת צאן מרעיתו, ובפרט וועט זיך דער רבי ווייטער אומקוקן אויף זיינע באַליבטע תלמידי ישיבתו הרמה, און זיי באַגלייטן פון אויבן מיט אַ וואַרימע ברכה להצלחה.



# הנהלת הישיבה העפטיג אַקטיוו צום קומענדיגע זמן החורף תשפ"ז הבעל"ט

## פלייץ פון פרישע אַפּליקאַציעס צום פרישע זמן

## ערוואַרטעט רעקאָרד-צאָל בחורים צום ערשטן מאָל זינט די התחדשות הישיבה לאחר פטירתו פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע

## מאסיווע קאנסטראקציע איבערצובויען דעם אונטערשטן שטאק פונעם נאסטאלגישע בנין הישיבה לתועלת התלמידים

# ולא יכבה נרו לעולם

## די אַמאָליגע וואַרעמקייט און קאָך

# די ליכט ברענט ווייטער!

טאָהש איז נישט בלויז אַ דעסטינאַציע, נאר עס איז אַ באַגריף, אָבער עס באַלאַנגט נישט צום אַמאָל, עס איז היינט אויך קאַי וקיימי, די ליכט ברענט און שיינט ווייטער, ומה זרעו בחיים אף הוא בחיים, די כח וואָס דער הייליגער רבי זי"ע האָט אַריינגעשיינט אין די ישיבה, איז עפּעס מיט וואָס די בחורים זענען ווייטער זוכה זיך צו דערוואַרעמען און אָנשעפּן בין כותלי הישיבה אין קרית טאָהש.

די וואַרעמע קאָך און חסיד'ישע דערהויבנקייט וואָס יעדער טאָהש'ער חסיד וויל אַז זיינע קינדער זאלן דאָס ממשיך זיין בדרך רביה"ק זי"ע ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א, דאָס איז מען קונה דורכ'ן קומען צו פאָרן לערנען בישיבתו של רבי, און זיך אָנשעפּן מיט דעם ריינעם לויטערן אויר דקדושה וואָס רביה"ק זי"ע האָט אַוועקגעשטעלט אַז די בחורים זאלן לעבן דערמיט דורכאויס די גאַנצע זמן וואָס מ'געפונט זיך בין כותלי הישיבה.

דאָס איז די רצון פון יעדער מאנשי שלומינו אַז די קינדער זאלן ווייטער באַקומען דעם וואַרימע תורה'דיגע אַטמאָספערע וואָס די ישיבה שטעלט מיט זיך פאר, ווערנדיג געפירט כל כולו אויף די יסודות וועלכע רביה"ק זי"ע האָט אַראָפּגעשטעלט און ווערט ווייטער נמשך בגאון ובעוז דורך בנו וממלא מקומו בקודש יבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א, און טראָגן מיט שטאָלץ דעם נאָמען פון אַ "טאָהש'ער תלמיד".

טאַקע צוליב דעם וואָס די בחורים געפונען זיך במשך די גאַנצע זמן ווייט אַוועק פון די אייגענע היים, לייגט די הנהלת הישיבה אַריין שטאַרקע כוחות למען לא יחסר המזג, אַז די חשובע בחורים זאלן האָבן צוגעשטעלט אַלע הצטרכות'ער אויפ'ן שענסטן פאַרנעם, צו קענען לערנען און שטייגן מעלות רמות בתורה ויראת שמים, האָבנדיג אַלעס צוגעשטעלט אויף אַ גאָלדענעם טאַץ.

כמה מעלות טובות למקום עלינו! די ישיבה הק' איז ברייט באַרימט מיט די כח התורה והעבודה, וועלכע געבט אַרויס הערליכע פּירות מתוקים וועלכע איז אַ ברכה צו מאַכן, עפּעס וואָס איז אַ יקר המציאות אין תשפ"ו, ערליך הייליג און דערהויבן, זייענדיג פון די שענסטע חסיד'ישע ישיבות בעולם הישיבות, אָבער אילו לא באנו אלא בשביל זה, אַז דאָס איז דעם רבי'נס ישיבה, און דאָס איז אונזער ריכטיגע אידענטיפיקאַציע אַלס טאָהש'ער תלמיד, דיינו!

# רוחניות'דיגע גריסן

מבין עמודי דגירסא ישיבתינו הק'
**ישיבה קטנה**
**תפארת משולם פייש ד'טאהש - נ.י.**

# תלמידי ישיבתינו גרייטן זיך צום יודהל"ק מיטן לערנען שעות רצופות בחבורת "ולדבקה בו"

מיט גרויס התרגשות און געהויבענע געפילן גרייטן זיך בחורי ישיבתינו הק' לקראת היודלה"ק של כ"ק אבינו רועינו רבינו הק' זי"ע, דורכ'ן לערנען שעות רצופות אן קיין שום הפסק, אינערהאלב די חבורה "ולדבקה בו".

נאך א יעדע סדר ווען מ'לערנט שעות רצופות, צייכענען זיך די בחורים אויף די ספעציעלע קארטלעך, כדי צו מאכן די פאסיגע הכנה לרגל היום הגדול.

דעם פארלאפענעם זונטאג העעל"ט האט דער מנהל שליט"א ארומגערעדט ביי זיין וועכענטליכע דרשה די גרויסקייט פונעם יומא דהילולא, ובפרט פאר די בחורים וועלכע האבן די זכי' צו לערנען אין די ישיבה, וועלכע איז נקראת לשמו ולזכרו פון רביה"ק זי"ע, און וויאזוי זיך צו מדבק זיין מיט רבינו הק' זי"ע דורכן לערנען בהתמדה שעות רצופות, בלי שום הפסק, און ס'זעהט זיך טאקע אן די גרויסע התמדה ביי די בחורים החשובים אריין צו כאפן ווי מער שעות רצופות בלי הפסק, כדי צו זיין גרייט מיט די פאסיגע הכנה בבוא אל הקודש, און מ'זאל קענען פועל'ן אלעס גוטס ביים צדיק.

אין די לופט בין כותלי הישיבה פילט זיך די גרויסע עקסטאז ביי די בחורים, האלטנדיג שוין מער סוף זמן און האבנדיג געענדיגט כמעט גאנץ מסכת גיטין, זעהט זיך אן די שטארקע התמדה און קאך, ווען די בחורים חזר'ן די בלעטער גמרא, און זיי צייכענען עס אן אויף די ספעציעלע "לוח חזרה" קארטלעך.

און נאך א יעדע פרק איז דא א בחינה בכתב כדאי צו ענדיגן, קונה זיין, און זיך פארהערן די גאנצע מסכתא בעזה"י סוף זמן ביים גרויסע פארהער, ס'זאל זיין מונח בקופסא ותלמודו בידו.

א ספעציעלע טייערע גורל, ומתן שכרו בצדה, איז געווארן אנגעגרייט פאר די בחורים וואס פלייסן זיך צו צוענדיגן זיך פארהערן די גאנצע מסכתא, א שיינע "פיטום הקטורת", בכתב אשורית אויף קלף.

הלומד ואינו חוזר כזורע ואינו קוצר.

# ספעציעלע דרשה בענין חזרה דורך הרה"ג ר' ראובן זאבעל שליט"א

דעם פארלאפענעם זונטאג פרשת ואתחנן העעל"ט, האבן די בחורים געהאט די געלעגנהייט צו הערן א געוואלדיגע אינהאלטספולע דרשה פון הרה"ג ר' ראובן זאבעל שליט"א מייסד ומנהל "קובץ על היד", וועלכער האט ארומגערעדט א לענגערע צייט איבער די גרויסקייט פון חזר'ן די לימודים.

דער בעל דרשן האט מיט זיין לאנגע יארן עקספיריענס, אויפגעפלאמט די בחורים'ס הערצער, אריינטרעטנדיג סוף זמן, דער זמן וואס מ'חזר'ט איבער אלע לימודים וואס מ'האט געלערנט א גאנץ יאר בס"ד.

דערנאך האט ער ארומגערעדט פון די חבורה "קובץ על היד", וואו מ'חזר'ט איבער מסכתות הש"ס, און געווענליך צייכנט מען עס אויף ספעציעלע קארטלעך, כדי עס צו קונה זיין מיט א קנין נצחי.

ער האט באזונדער שטארק ארויסגעברענגט, זייענדיג באקאנט אין די עולם הישיבות, וואו די הייליגע ישיבה איז פון די סאמע חשוב'סטע ישיבות, זעענדיג ווי אסאך בחורים זענען שוין איינגעשריבן און חזר'ן און



פאראהערן זיך כסדר הונדערטער בלעטער גמרא בחבורת קובץ על יד.

די בחורים זענען געזיצן פארגאפט א גאנצע דרשה, און ארויסגענומען די ריכטיגע חיזוק און התעלות צו חזר'ן מיט התמדה רבה בעז"ה.

וקובץ על יד ירבה.

# דרשת הכנה ליודה"ל ע"י הרה"ג ר' חיים הערש מענדלאוויטש שליט"א

דעם פארלאפענעם עש"ק פר' עקב העעל"ט, איז ווי יעדן ערב שבת קודש געווען א אינהאלטסרייכע דרשה בהיכל הישיבה. דעם ער"ש האבן די בחורים געהאט די געלעגנהייט צו הערן דיבורים נחמדים, הכנה ליודהל"ק של רביה"ק זי"ע, פון הרה"ג ר' חיים צבי מענדלאוויטש שליט"א מו"ל ומסדר ספרי "שפתי חן", וועלכער האט ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון די יעצטיגע שבתים און אז אלעס איז א הכנה צו די ימים נוראים.

בפרט האט ער ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון לערנען אין די ישיבה וואס איז נקראת על שמו פון רביה"ק זי"ע, וואס אזוי איז גרינגער זיך מדבק צו זיין מיטן הייליגן צדיק, נאכדערצו האלטנדיג אזוי נאנט צום יומדהל"ק.

זאגענדיג אז מ'שפירט די געוואלדיגע קדושה פונעם צדיק דא אין די אפגעזונדערטע אויר של טהרה, די דברים היוצאים מן הלב האט ארויסגעברענגט די ריכטיגע הרגשים ביי די בחורים זיך צוגרייטן צום יומא דהילולא רבא.

הכונו להילולא דרבי




# זכרונות מרביה"ק זי"ע דערציילט דורך הרה"ח ר' אברהם יונגער שליט"א

זיך גרייטענדיג צו די יומא דהילולא קדישא, ווען די חשובע מרביצי תורה בישיבתינו הק' האבן איבערגעגעבן און רייך געשילדערט פאר די תלמידים די לעכטיגע זמנים בהלו נרו על ראשינו, און באזונדער וואס די תלמידי הישיבה ההולכים לאורו דארפן מיטנעמען מיט זיך אויף הלכה למעשה.

האט אויך די וואך דינסטאג פר' ראה העעל"ט הרבני החסיד ר' אברהם יונגער שליט"א פון אנטווערפן מחשובי תלמידי רביה"ק זי"ע, ווען ער האט אפגעשטאט א באזוך אין ישיבה, נאכדעם וואס ער האט געדאווענט תפלת שחרית, געפראוועט א מסיבת לחיים און אויפגעטרעטן אין די ישיבה גדולה.

איז ער מכובד געווארן אויך אויפצוטרעטן בהיכל ישיבתינו, און האט ארומגערעדט במשנתו פון רביה"ק זי"ע דערציילענדיג ערשטהאנטיגע סיפורים און עובדות לרגל היודה"ל, פון וואס די בחורים האבן הנאה געהאט.

זכות אבות יגן עלינו



# משאת נפשו

## באריכטן און פארשריט אין די מאסיווע קאמפיין למען מורשת צדיק – די מוסדות הק' בקרית טאהש

לקראת יומא דהילולא רבא ז"ך אב הבעל"ט

# עלעקטריזירנדער גייסט אין די הערצער פון טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט, זיך גרייטנדיג פוקד צו זיין דעם ציון הקדוש פון רבינו הקדוש זי"ע בעצם יומא דהילולא

מיט דערהויבענע געפילן, מיט א הכנה דרבה, גרייטן זיך טויזנטער אידן צום גרויסן טאג, די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע. הונדערטער אויטאס וועלן זיך שלענגלען אין די מאסן אויף דעם לאנגן וועג ביז אריבער דעם קאנאדישן גרעניץ, צו האבן די זכיה פוקד צו זיין דעם ציון הקדוש פונעם הייליגן רבי'ן אינעם טאג פונעם יארצייט.

דאס הייליג שטעטעלע קרית טאהש וועט באלאגערט ווערן דורך אן אומאויפהערליכן שטראם פון פילע אידן, תלמידי וחסידי רבינו הקדוש, און נאך פילע הונדערטער אידן וועלכע ווילן זיך אויסגיסן דאס הארץ ביים גרויסן צדיק, ער זאל אויספועל'ן ישועות ורפואות אין אלע ענינים ברוחניות ובגשמיות.

וואס א יאר מער עס גייט אריבער, אלס מער וואקסט דער ציבור משתתפים ביים יארצייט אויף א גאר שטארקן פארנעם בליע"ה. די אומגלויבליכע געשיכטעס וואס אידן דערציילן, וויאזוי זיי האבן זוכה געווען צו זען אפענע ישועות נאכן פוקד זיין דעם ציון הק', טראגן ברייטע פליגלען איבער דער גאנצער וועלט און ציען יעדעס יאר נאך פילע אידן וועלכע קומען צו פארן זיך אויסצובעטן ביים צדיק אלע גוטע השפעות.



# דעם צדיק'ס שליחים, די געטרייע עסקני המוסדות, וועלן ענטפאנגען דעם ציבור איפן וועג אריף צום ציון הקדוש אפצונעמען די ברייטהארציגע נדבות לטובת די הייליגע מוסדות

ווי יאר-יערליך וועלן זיך די געטרייע עסקנים פונעם רבי'נס הייליגע מוסדות אוועקשטעלן אויפן וועג אריף צום ציון הקדוש, אין שפיץ פונעם הייליגן רבי'נס פערזענליכער שליח און איש אמונו הרה"ח ר' יצחק נחום האמבורגער הי"ו, וועלכע באגריסן פערזענליך די טויזנטער געסט מיט א ווארעמע אויפנאמע און נעמען אפ די ברייטהארציגע נדבות לטובת די הייליגע מוסדות.

דורכאויס דעם גאנצן טאג פונעם יומא דהילולא קדישא, וועט ר' יצחק נחום מיט זיינע געטרייע מיטהעלפער שרייבן שטרות און קוויטלעך פאר די חשוב'ע תומכי המוסדות וועלכע שליסן זיך אן אין א דירעקטע שותפות מיטן הייליגן רבי'ן, דורכ'ן שטיצן זיינע הייליגע מוסדות וואס זענען אים געווען אזוי נאנט צום הארצן.

אויפן ארט וועלן פארטיילט ווערן א רייכע מזכרת פאר די חשוב'ע נדיבים, אלס אן אות הוקרה פארן זיך משתתף זיין ברוח נדיבה מיט הערליכע סכומים פארן רבי'נס הייליגע מוסדות.




# באסן אין שטעטל ענטפאנגען דעם ציבור האלפים מיט פאסיגע שילדן

בעצם יומא דהילולא קדישא, ווערט ווי יאר יערליך די גאנצע שטעטל קרית טאהש פארפלייצט מיט טויזנטער געסט, אידן פון אלע עקן וועלט שטראמען באלפיהם צום הייליגן מקום שם חלקת מחוקק ספון, אויסצו'פועל'ן ישועות ורפואות למען הכלל והפרט, און דערביי ארייננאטעמען די ריינע לופט פון דעם הייליגן שטעטל, וואס דער גרויסער בעל ההילולא האט מייסד געווען, און דערויף אראפגעשטעלט זיין הייליגן חותם אויף שטענדיג.

צו דעם געלעגנהייט ווערן די גאסן אין שטעטל פאסיג אויסגעשטאט מיט גרויסע שילדן און פלאקאטן, וועלכע דערמאנען דעם הייליגן רבי'נס לעבנס מיסיע, ארום וואס דער גאנצער שטעטל האט זיך געדרייט, און נאר פאר דעם צוועק איז עס געבויעט געווארן, נעמליך די הייליגע מוסדות הק' בכלל, און די ישיבה הק' בפרט, פאר וועלכע ער האט אלעס אוועקגעגעבן, דאס רוחניות און גשמיות, און זיך געמאטערט מיט שווערע חובות און א ביטער שווערע לאסט פון ריזיגע געלטער, אלעס כדי צו זען די מוסדות הק' אוועקגעשטעלט אויף פעסטע יסודות, מיט א עתיד לדורות.

די לויטערע גאסן, וועלכע זענען פיל מיט לעבטיגע קינדערלעך און בחורי חמד, אויף וועמענ'ס פנים עס דערקענט זיך דאס יראת שמים און ריינקייט, זיי דערציילן און זענען לעבעדיגע עדות אויף משאת נפשו הטהורה פון רבינו הקדוש, וועלכע גייט אן און בליעט עד היום הזה. מיט אייער ברייטע נדבה און שותפות, וועט די הייליגע ירושה אנגיין ביתר שאת עד ביאת הגואל.

דער הייליגער רבי פון אויבן, וועט בלי ספק נישט שולדיג בלייבן פאר אלע שותפים און נדיבים חשובים, וואס געבן אוועק מהונם ומאודם פאר זיינע הייליגע מוסדות, זיי צו בענטשן מיט א הימלישע שפע פון ברכות וישועות בכל הענינים.

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

עקב - תשפ"ו לפ"ק

## מאנטאג פר' עקב

ביינאכט איז פארגעקומען בביתו נאוה קודש דער שמחת התנאים פון נכדת רביה"ק זי"ע, בת הרה"ג ר' יואל פילאפף שליט"א מו"ץ בקריתינו הק', וחדב"ן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א.

דער רבי איז מכובד געווארן מיט קריאת התנאים, און מכבד געווען דעם זיידן הגה"צ רבי זלמן לייב פילאפף שליט"א אב"ד מכלל יופי.

דערנאך געטרינקען לחיים, געווונטשן מזל טוב פאר די חתן, מחותנים און זיידעס, און זיך ארויסגעלאזט אין א ריקוד.

## דינסטאג פר' עקב

ביינאכט איז דער רבי ארויס צום ציון הקדוש פון רביה"ק זי"ע, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה, לאמירת כל ספר תהלים ביום המסוגל חמשה עשר באב.

## מיטוואך פר' עקב

פארנאכטס איז דער רבי ערשינען צום קבלת פנים ביים חתונה פון החתן אשר ענזיל געלב ני"ו תלמיד ישיבה גדולה, בן הרב ר' יעקב געלב שליט"א משגיח בישיבה קטנה, עב"ג בת מוה"ר ישעי' וויינבערגער הי"ו, אין די זאלן פון בית צירל.

דער רבי האט מסדר געווען די כתובה געווונטשן לחיים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, דער רבי האט אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, געגאנגען באדעקן די כלה, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

שפעטער איז דער רבי צוריק אין זאל און געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך מיטן חתן און מחותנים און זיידע'ס.

## דאנערשטאג פר' עקב

פארנאכטס איז דער רבי ערשינען צום קבלת פנים ביי די חתונה פון החתן בן מוה"ר משה יוסף לאק הי"ו עב"ג בת מוה"ר יואל הערש מענדלאוויטש הי"ו, אין די זאלן פון בית צירל.

דער רבי האט מסדר געווען די כתובה, געוואונטשן לחיים, אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, געגאנגען באדעקן די כלה, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

שפעטער איז דער רבי צוריק טאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך מיטן חתן, מחותנים און זיידע'ס.

## עש"ק פר' עקב

אינדערפרי איז פארגעקומען די אפשערן פון בן מוה"ר איתמר ארגעל הי"ו ראש מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו, און פון בן מו"ה מאיר לייפער הי"ו פון לאנדאן, וואו דער רבי האט אפגעשוירן די האר, אנגעטון קאפל און ציצית, געבענטשט די קינדער, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

## שב"ק פר' עקב

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד, די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, און די נרות שבת, דערנאך געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה, און געוואונטשן א גוט שבת.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א' גוט שבת'.

◊

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרב יחזקאל שרגא אילאוויטש שליט"א.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, הרה"צ רבי חיים יחזקי' פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע פון וומסב"ג, הרה"ח ר' אביגדור דניאל פעלבערבוים הי"ו פון סקווירא, הרב משה יואל שפירא שליט"א פון מאנטריאל, מוה"ר משה אהרן שווארץ הי"ו פון מאנסי, מוה"ר אלעזר ליפא וויינגארטן הי"ו פון וומסב"ג.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען מיט דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען בנו הרה"צ רבי יצחק אייזיק אלכסנדר ליפא סג"ל שליט"א, ר"מ בישיבה גדולה תורת משולם פייש ניו יארק, שיר המעלות הב' יוסף ב"ר אליעזר הערש שפיטצער נ"י תלמיד ישיבה גדולה. שבח נותנים לו מוה"ר מענדל פריעדלענדער הי"ו פון בארא פארק.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

✦

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג. צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' ישראל הערש פעלבערבוים הי"ו פון מאנסי, שחרית האט געדאווענט הר"ר יעקב אליעזר מערמעלשטיין שליט"א.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרב יואל כ"ץ שליט"א פון קרית יואל נכד רביה"ק זי"ע, לוי העסקן הדגול מו"ה אשר ענזיל סג"ל קרויס הי"ו, שלישי הרב יחזקאל שנעעבלאג שליט"א פון מאנטריאל, רביעי החתן ר' אשר ענזיל געלב הי"ו, חמישי מוה"ר משה אהרן שווארץ הי"ו, ששי הרה"ג ר' מרדכי לייפער שליט"א פון מאנסי, שביעי מוה"ר אברהם יוסף דרוממער הי"ו פון מאנטריאל, אחרון הרה"ח ר' דוד ישעי' געלב הי"ו פון לאנדאן.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, מפטיר האט עולה געווען הב' הבר מצוה בן מוה"ר שמואל נתן סג"ל קרויס הי"ו. הגבה מוה"ר מענדל וואלף דרוממער הי"ו פון וומסב"ג. גלילה הב' מרדכי ב"ר איתמר ארגעל נ"י.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר נחום פאלאטשעק הי"ו פון לאנדאן.

✦

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' שמעון בה"ר נחמן כהנא נ"י תלמיד ישיבה גדולה ונכד רביה"ק זי"ע.

אז ביום השביעי מוה"ר יקותיאל דוד ראזענבערג הי"ו פון קרית יואל. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' אברהם שלמה פפלאנאש שליט"א, שיר המעלות הב' שלמה יצחק ב"ר ברוך גאלדשטיין נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און געזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

✦

שבת נאכמיטאג האט פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול הרה"צ רבי יצחק אייזיק אלכסנדר ליפא סג"ל שליט"א ר"מ בישיבה גדולה תורת משולם פייש.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען מו"ה זאב דוב קרויס הי"ו, די עליות האבן עולה געווען ראשון הרה"ח ר' ישראל הערש פעלבערבוים הי"ו, שני מוה"ר אביגדור דניאל פעלבערבוים הי"ו, שלישי הרה"צ רבי יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, גלילה מוה"ר אלימלך בר"א קרויס הי"ו פון קרית יואל.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' חיים אלעזר דייטש הי"ו. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרב יעקב געלב שליט"א, מוה"ר משה שמואל גאלדרינגער הי"ו פון וומסב"ג, מוה"ר אהרן שמואל פוקס הי"ו פון קרית יואל, הרב אלכסנדר אשר באב"ד שליט"א פון וומסב"ג נכד רביה"ק זי"ע.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א. שיר המעלות הב' אלימלך בה"ר יצחק אייזיק פיש נ"י תלמיד ישיבה גדולה ונכד רביה"ק זי"ע.

מיט די שבע ברכות זענען מכובד געווארן אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, הרה"ח ר' ישראל הערש פעלבערבוים הי"ו, הרה"ח ר' דוד ישעי' געלב הי"ו, מוה"ר יואל אלחנן פפלאנאש הי"ו משב"ק, ברכה אחריתא כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו, דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה מו"ה יצחק געלב הי"ו פון קרית יואל, די הבדלה האט געהאלטן הב' ארי' ב"ר יואל סאנדעל נ"י תלמיד ישיבה גדולה. דערנאך האט דער רבי דערציילט שיח"ק.

נאך וואס דער רבי האט מעורר געווען סיי ביי די סעודה שלישית תורה און סיי ביי די שיח"ק איבער דעם ענין פון מאכן ברכות מיט כונה און פון אינעווייניג, האט דער רבי פארטיילט פארן גאנצן ציבור ספעציעלע "ברכות קארטלעך" צו קענען מאכן ברכות פון אינעווייניג.

דערנאך האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## זונטאג פר' ראה

אינדערפרי האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים יערליכע מסיבה לטובת ביהמ"ד אברכים, מחזק געווען די הנהלה און עסקנים און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

נאכמיטאג האט דער רבי באזוכט אין תלמוד תורה "הבן יקיר" מיוחד פאר קינדער מיט ספעציעלע געברויכן, וואו דער רבי האט מיטגעהאלטן וויאזוי די קינדער לערנען, מחזק געווען די מלמדים און עסקנים, קובע געווען א מזוזה, און געמאכט א לחיים און אנגעוואונטשן ברכת לרוב.

לְבָנַי אֲנִי צָרִיךְ

# שטיצן די תורה פון זיינע ליבע קינדערלעך!

די גרעסטע
נחת רוח
פארן
הייליגן
רבי'ן:

אנ"ש תלמידי וחסידי רבינו הה"ק זי"ע שליסן אן אייביגן קשר מיט דעם רבינ'ס ירושה

תלמוד תורה בית יודא ד'טאהש

און פועל'ן אויס אלעס גוטס!

יעדער טאהש'ע חסיד
יעדער משתטח על ציון הקדוש
יעדער וואס זוכט א ישועה

## האנדלט זיך איין דעם שליסל פון ישועות

ביים הימלישן פועל ישועות!

האנדלט זיך איין דעם
אומשאצבארע זכות און שטיצט
דעם רבינ'ס הייליגע ירושה

**845.402.TOSH**
8674

POELYESHUOS@GMAIL.COM

**$36** לחודש
וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל יעדן ערב ראש חודש ביים ציון

**$54** לחודש
וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל און צינדן א לעכט יעדן ערב ראש חודש ביים ציון

**$100** לחודש
וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל יעדן ערב ראש חודש ביים ציון, און אויך וועט איר האבן א **נר הישועות** ביים ציון הק' דורכאויס דעם גאנצן יאר

פועל ישועות



מזון הנפש

בעזהשי"ת

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת שופטים =

| | ז' עמודים - מסכת מנחות | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק ראה | דף כ. | דף טז: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף כ: | דף יז. | דף לה. | דף לא: |
| מאנטאג | דף כא. | דף יז: | דף לה: | דף לב. |
| דינסטאג | דף כא: | דף יח. | דף לו. | דף לב: |
| מיטוואך | דף כב. | דף יח: | דף לו: | דף לג. |
| דאנערשטאג | דף כב: | דף יט. | דף לז. | דף לג: |
| עש"ק | דף כג. | דף יט: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' שופטים
חבורת ז' עמודים - תחילת המסכת – טז:
חבורת ה' עמודים - כג. – לב.

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 1-4 פון די מעין מעניו



קול איחוד טאהש
מקושר פון איבעראל
718.451.TOSH | 514.500.TOSH

## פרנס

השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב על ידי
מוה"ר **יצחק שמואל שווארץ** הי"ו

לרגל שמחת הולדת בתו למז"ט
ולכבוד יומדהל"ק
של כ"ק מרן רביה"ק זי"ע

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

718.451.8674 | 514.500.8674
0.333.015.0715 | 079.704.0074

קול בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד


די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**


יו"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950

בס"ד

